Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 30 גראשען

הײַנט 16 זייטען

נייער פאלקסבלאט

Nr. 145/1440 | Łódź, Piątek 22 Czerwca 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ד תמוז תרפ״ח | Nr. 145/1440

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז די אלע כשר׳ע קצבים, ווי אויך די, וועלכע האבען לעצטענס בעזייטיגט די טרפות פון זייערע יאטקעס און האקען בלויז כשר׳ס.

וועלכע ווילען ברענגען ברוסטען און פעטס

אין מיין פאבריק, קענען ברענגען נאר מיט׳ן בעדינג, אז זיי זאלען בעזיצען הכשרים פון היגען ראבינאט.

ס. דישקין.

צענטר. קליינהענדלער=פעראיין

אויף לאדזער וואיעוואדזטווא

5 זאוואדזקא 5

פאדערט אויף זיינע מיטגלידער, וועלכע האבען נאך נישט ערלעדיגט דעם פאדאטעק אבראטאווי פאר׳ן יאהר 1927 צו קומען אין פעראיין

אמשפעטסטענס ביז מאנטאג דעם 25. ד. ח.

און מיטברענגען די נאקאזען מיט די איינגעצאהלטע קוויטונגען פאר׳ן יאהר 1927.

די פערוואלטונג.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש 20

נאך פיל נשטרענגונגען ביי דעם קאמיטעט פון דער „טלאמאצקער סינאגאגע". איז אונז געלונגען צו קריגען די ערלויבניש, צו אנגאזשירען דעם ליבלינג פון לאדזער פובליקום (דעם בעריהמטען ווארשעווער אבער-קאנטאר פון טלאמאצקער סינאגאגע) ה׳

משה קוסעוויצקי

וועלכער וועט דאווענען שבת פ׳ קרח, פרייטאג צו נאכט, דעם 22 יוני און צומארגענס פריה 9 א זייגער, דעם 23 יוני אין זאל פיל=הארמאניע מיט דעם אנטייל פון דעם בעוואוסטען לאדזער פראפעסיא-נעלען גוט-אויסשטודירטען כאר, אונטער דער לייטונג פון בעריהמטען

דיריגענט און קאמפאזיטאר ה׳ י. רובין.

בעמערקונג: אום צו געבען די מעגליכקייט דאס ברייטע נגינה פובליקום צו הערען דעם חשוב׳ן „קאנטאר קוסאוויצקי", זענען די איינטריטס-קארטען ערמעסיגט פון 1.25 ביז 3 זל.

בילעטען-פערקויף אין קאסע פון זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש 20, ביי ה׳ זעלמאנאוויטש פיעטריקאווער 12 און פאלודניאווא, ביי ה׳ דיאמענט גדאנסקא 24 (וואורשט-געשעפט).

דער קאמיטעט.

האנדווערקער=פעראיין, זאכאדניא 66.

שבת, דעם 23 יוני 9 אין אווענד קומט פאר די

פייערליכע עפענונג

פון נייעם לאקאל אויף אגראדאווא 9 (זאכאדניא 2)

שפעטער — א חבריש׳ער באנקעט, צו וועלכען אלע מיטגלידער ווערען געבעטען בעצייטענס זיך צו בעזארגען מיט בילעטען.

שבת, דעם 30 יוני, 3 נאכמיטאג קומט פאר די גענעראל=פערזאמלונג פון די מיטגלידער מיט וואהלען פון א פערוואלטונג.

חברים-מיטגלידער, גרייט זיך צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

די פערוואלטונג.

הזכרה.

זונטאג, דעם 24-טען יוני ד. י. ארום 12 – 1 פארמיטאג, אין טאג פון דער ערשטער שמערצליכער יאהרצייט פון אונזער הייסגעליבטער פרוי און מוטער

נ. ע. פרידע האלפערן

קומט פאר א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה, צו וועלכער עס לאדען איין אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע

די אייביג טרויערנדע פאמיליע. 140

פאהרט איהר אויף ערהאלונג

געדענקט!

דאס איהר מוזט איינקויפען אייערע קאסמעטיק

ווי: פערפומען, זייפען, געזיכטס=קרעמען, פודער

נור אין די ביליגסטע קוועלע —פון דער ערשטער— קאנקורענץ-פערפומעריע

S. BUCHWEITZ, PIOTRKOWSKA 22

Telefon Nr. 31-43.

צופעדינגען

2 זומער - וואוינונגען אין גלאוונא, אין וואלד. ס׳קען אויך זיין יעדעס צימער בעזונדער. צו ערפאהרען אין לאדז, זאמענהאף 11, ביי כאינאצקי. 786

א גוטער קירזשנער=מאשינער

ווערט געזוכט.

ביי ליפמאן קרוטקא 10 (טראוגוטא).

לעכער

ווערען אנגענומען אויסצוציהען צו ביליגע פרייזען

ג. נארדמאן

צעגעלניאנא 29

פאדערט איבעראל!

פאדערט איבעראל! | פאדערט איבעראל!

כשר למהדרין מן המהדרין | קאקוס=פוטער: | כשר למהדרין מן המהדרין

חעמא (Chemo)

צום בראטען און קאכען

קאקאמא (Kokoma)

צום באקען און שמירען

וואס ווערען אויסגעארבייט פון דעם פיינסטען און ריינסטען פלאנצען-פעטס

עמפעהלט די פאבריק

Einhorn, Fein i S-ka

ŁÓDŹ, Wysoka 9, – tel. 64-56.

די איינארבייטונג פון אונזער קאקוס-פוטער שטעהט אונטער דער השגחה פון פאביאניצער רב הרה״ג ר׳ מענדיל נ״י אלטער.

פאדערט איבעראל!

א הארציגען מזל טוב

ווינשען מיר אונזער ברודער און שוואגער

יעקב אהרן גאלדשטיין און פרוי

צו דער חתונה פון ז ער זוהן

שלמה, מיט פרל. רויזע רעדער

זאל זייער וועג מיט בלומען בעצירט זיין

שלמה גאלדשטיין און פרוי לאדז

א רוטינירטער

אינקאסענט

אדער אינקאסענטיך

ווערט פון באלד געזוכט

אין א געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע געגען גוטען געהאלט אפערטען אין אדמיניסטראציע פון „נייעם פאלקסבלאט" אונטער „גוטען געהאלט". 187

וואָרנונג!

דערמיט ערקלער איך עפענטליך, אז אלע וועקסלען וואס זענען אויסגעשטעלט אויף מיין נאמען מ. ליבראווסקי, אדרע בלאשטיין און גאטליב זענען פאלש. גלייכצייטיג מאך איך בעקאנט, אז מיט די אויבענדערמאהנטע פערזאנען האב איך נישט קיין שום האנדעלס-בעציהונגען אין וואהרען זיי, אז אין פאל, זיי וועלען נישט צוריקציהען די פאלשע פראטעסטירטע וועקסלען, וועל איך געצוואונגען זיין די זאך איבערצוגעבען אין געריכט. מיט אכטונג

מ. ליבראווסקי, לאדז

נאוואמיעסקא 19 האלע, געוועלב 77.

האנדווערקער=פעראיין זאכאדניא 66

חברים דראזשקע-בעזיצער!

שבת. ד. 23 יוני 3 נאכמ. קומט פאר אויף זאכאדניא 66

א פערזאמלונג

פון אלע דראזשקע-בעזיצער מיט אנ׳אינטערעסאנטען טאג-ארדנונג

סעקציע דראזשקע-בעזיצער

984 ביים האנדווערקער-פעראיין, זאכאדניא 66.

Dr. med.

J. MANDELBAUM

Zawadzka 16a, tel. 27-52

ספעציאליסט פאר אינערליכע און נערווען-קראנקהייטען.

נעהמט אן טעגליך פון 5 ביז 7 אווענד.

חבר ח. ד. צודקאוויטש איך בעטייליג זיך אין דיין צער צוליב דעם טויט פון דיין

פאטער

יחיאל פלאם, אלעקסאנדער.

קינא
ביים קאאפעראטיוו פון מלוכה קאמונאלע און געזעלשאַפט=ליבע בעאמטע
40 שיענקעוויטשא 40
קינא אין גארטען!
פאַלס פון אונגינסטיגן וועטער אין זאַל

גרויסע פרעמיערע! ביז מאנטאג, דעם 25=טען יוני איינשליסליך!
„חופה=נאכט"
סימפאניע פון שעהנהייט, ליבע און אפפערונג.
אין די הויפטראָלען: LILI DAMITA, HARRY LIEDTKE i PAWEŁ RICHTER
דער נעכסטער פראָגראם: „בלוט=ערבשאפט", ריהרענדע דראמע פון ליבע און פליכט פון די אממייסטענס כרענענדע פראגען פון היינטיגען לעבען.
אנהויב אין געוועהנליכע טעג, שבת, זונטאָג און יום-טוב 4 א זייגער נאָכמיטאָג.

מודעה.
דער ועד הרבנים און ועד הכשרות איז מזהיר די לאָדזער בעפעלקערונג נישט צו קויפען פלייש, פעטס און קישקעס, וואָס שטאמען פון די ארבייטער, וועלכע ארבייטען אין די לאָדזער שחט-הייזער, ווייל דאָס פלייש, קישקעס און פעטס שניידען אָפּ די ארבייטער ביים אָפּשינדען די בהמה נאָך פאר דער בדיקה. אזוי גוט ווי פון א טרפה'נע ווי א כשר'ע לעגען עס צוזאמען אין איין פעקעל און עס קומט דערצו, אז דאָס כשר'ע מיט'ן טרפה'נעם מישען זיך אויס, און מען קאָן נישט וויסען, וועלכעס ס'איז דאָס כשר'ע און וועלכעס ס'איז דאָס טרפה'נע. עס קען איבער דעם פראָדוקט פון דער אָפּשטאַמונג קיין שום קאָנטראָלע פון כשרות געפיהרט ווערען דאָס איז בולט חלב ונבלה.
גלייכצייטיג איז מען מזהיר די קצבים, זיי זאָלען פון די אויבענדערמאָנטע ארבייטער דעם פראָדוקט נישט קויפען, כדי זיי זאָלען נישט מכשיל זיין במאכלות טרפות. געגען דעם קצב. וועלכער וועט אזא פלייש קויפען, וועלען מיר ציהען די געהעריגע קאָנסעקווענצען.

דער ועד הרבנים און דער ועד הכשרות
ביי דער יודישער גמינע אין לאָדז.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר
אלעזר שיינפעלד
מיט פרל. **לאה טעמפעלהאף**
גראַטולירען הערצליך און ווינשען א גליקליכע צוקונפט.
יצחק מעטלער
ח. ריינהינד

ברכות לבביות וברכת מז"ט הננו מגישים לחברנו האהוב והנחמד
מר **יעקב** נ"י **שלאמאָוויץ**
לארישו את העלמה
מרת **גיטל** תחי' **קרוק**
יהי' רצוה שיהי' קשרם קשר של קימא.
מנשה זלוטובסקי ואליעזר פסטרנק

מקרב לב עמוק אנו מברכים בברכת מז"ט למר
יעקב נ"י שלאַמאָוויטש
לארושיו
האחים למשפחת זלוטובסקי

צו דער התונה פון אינזער ליבע טאָכטער און שוועסטער
אידא ראָזענדאָרן
מיט ה' **העניעק פוקס**
וועלכע איז פאָרגעקומען זונטאָג ד. 17. יוני 1928 ווינשען פיל גליק און צופרידענהייט
עלטערן, שוועסטער און ברודער.

צו דער פערלאָבונג פון
ה' **יונה אייזען**
מיט פרל. **פעלא קערשנאפאלסקא**
גראַטולירען הערצליך און ווינשען א גליקליכע צוקונפט.
פאַמיליע יהושע ראָזענצווייג

אינזער פריינד און מיטארבייטער
ה' **יונה אייזען**
צו זיין פערלאָבונג
מיט פרל. **פעלא קערשנאפאלסקא**
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און עוויגעס גליק.
דאס פערסאנאַל פון דער פירמע
ש. ראָזענצווייג.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער לאַנג-יעהריגען פרעזעס
הערש יוסף עלכאַנאָוויטש
צו דער פערלאָבונג פון זיין ווערטער טאָכטער
גאלדע מיט ה' **יוסף פערעלבערג**
גלייכצייטיג ווינשען מיר דעם יונגען פאָר, דאָס זייער צוקונפטיגער וועג זאָל מיט שעהנע רויזען בעצירט זיין
די פערוואַלטונג
פון „גמילת חסדים" ביי'ן דעם גרינעם מאַרק 7.

מיר גראַטולירען הערצליך אונזער שעף ה'
יוסף עלכאנאוויטש און **פרוי**
צו דע' פערלאָבונג פון זייער ליבע טאָכטער פרל.
געניא מיט ה' **יוסף פערלבערג**
און דעם יונגען פאָר ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט
א. סומריי
און א. אברהמזאָן

א בודקע
מיט אַ נעבענשאַפּע
מיט עלעקטריש-בעלייכטונג
אין ראיאָן פון שייבלער'ס מאַרק אויך א שאָפּע אויף גייער'ס מאַרק פון זאָפאָרט איבערצוגעבען. ערפאַהרען
3 זשגאוווסקאַ 3
אין זאָדע-וואַסער-געוועלב

JAK ZA DOTKNIĘCIEM RÓŻDŻKI CZARODZIEJSKIEJ GINĄ PIEGI PO UŻYCIU KREMU
Cefi
פרייז 2.50 זל.
פערלאַנגט אין אפטייקען, אפטייק-כקלאַדען און פערפומעריעס
הויפט-רעפּרעזענטאַנץ אויף לאָדז:
Leon Dobrzyński, 31 Narutowicza 31.

יודישע האַנדווערקער - צענטראַלע, זאַוואדזקאַ 5.
עפענטליכע וואהרנונג צו אלע יודישע כאַלופניקעס!
די אלע אַנאָנסען און ידיעות. וואָס בעווייזען זיך פון צייט צו צייט אין דער פרעסע, אז דער כאַלופניק דאַרף נישט ארויסנעהמען א האַנדווערקער-קאַרטע, וועלען דער-פיהרען דערצו, אז דער יודישער כאַלופניק וועט פערלירען אויף שטענדיג דאָס רעכט איבערצוגעהן אַלס זעלבסטשטענדיגער בעל-מלאכה און אויך דאָס רעכט צו האַלטען לערן יונגלען, דעריבער זאָגען מיר אייך, יודישע כאַלופניקעס נעהמט ארויס האַנד-ווערקער-קאַרטען, אזוי לאַנג ווי עס איז נאָך צייט. גענויע אינפאָרמאַציעס קענט איהר בעקומען ביי אונז אין סעקרעטאַריאַט און אויך אויפ'ן
מאַסען=מיטינג
וועלכען מיר אָרדנען ספּעציעל איין וועגען דער פראַגע, דינסטאַג דעם 26 ד.מ. 7 א זייגער אָוונד אין לאָקאַל פון מאַגאַזין - שניידער - מייסטער - פעראיין אַליע ערשטער מאַי נומער 2 מיט'ן אַנטייל פון ה' **אדוואקאַט ווייצמאַן.** 993

אויבער=העמדער
אויף ראַטעס!!
פון פּאָפּעלין, זעפיר און אַנדערע שטאָפען צו בעקומען אין דער ערשטקלאַסיגער פראַצאַווניע פון
J. WOROBIEJCZYK
41. KILIŃSKIEGO 41.
בעמערקונג דאַמען-וועש ווערט אָנגענומען לויט בעשטעלונג
אויף ראַטעס!

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY
Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26
Dojazd tramwajami 16 i 19.

Od wtorku, dnia 19-go do poniedziałku, dnia 25 czerwca 1928 r. wł.
POLONIA RESTITUTA
1918—1920
Wpoczekalniach kina codz. do g.22 audycje radjofonicz

שפּאַט ביליג!
גרויסער שטרימף=פערקויף
זיידען-פלאָר, פילדעקאָס, וואַש-זיידע, פערשי-דענע שקאַרפּעטן, לעדערנע הענטקעס און זיידענע ווי אויך זעמטליכע גאַלאַנטעריע=וואַרען עמפפעהלט צו קאָנקורענץ-פרייזען דאָס ניי-ערעפענטע שטרימף= און גאַלאַנטעריע=געשעפט אויף
פאַלודניאָווא 15, פראַנט-געוועלב
געדענקט דעם אדרעס! רעיעלע בעהאַנדלונג!

אַכטונג! אַכטונג!

נאָך מיין לאַנג-יעהריגער פראַקטיק אין אויסלאַנד האָבען מיר ערעפענט אַ פראַצאַווניע פון
אויבער=,ספאָרט= און נאַכט=העמדער
און שלאָף=אַנציגער ווערען אָנגענומען פון אייגענע שטאָפען נאָך די לעצטע פּאַריזער מאָדעלען צו די ביליגסטע פרייזען און גוטע בעדינגונגען
Pracownia bielizny Wiedeńskiej
J. KOHN, Łódź Pomorska 4 (Średnia).

Dr. med.
E·Szereszewska
Wiśniowa góra, Willa Krenicera.
קינדער-קראַנקהייטען.
נעמט אָן פון 10–11 פריה און פון 4–5½ נאָכמיטאָג.

אַנ'ערשטקלאַסיגע פירמע — אין — טויערן
(טאָרזן, פּאַמאָזשע: פון פוטער, מאָרע-סאַלאָן און גאַלאַנטעריע, גוט איינגעפיהרט אין בעסערע קונדשאַפט, בעזיצט נאָך 2 לעהרע צימער מיט 2 גרויסע שויפענסטער זוכט א סאָלידען קויפמאַן פון בעסערן שטאַנד, אויף איבערצוגעבען די 2 צימער אויף ראַמען. אָדער מענער קאָנפעקציע (אויף אייגענע רעכנונג) עווענטועל אויף אַנ-דערע אַרטיקלען פאַר בלויז דירה=געלד. אָפערטען אין דער פוילישער שפּראַך פאַר „טאָרזן" אין אַדמיניסטר. פון „פאָלקסבלאַט". 107

Gimnazjum Żeńskie
KLARY WOLFSONOWEJ
POMORSKA 18 (אין גארטען)
איינשרייבונגען פון די שילערינס אין אלע קלאַסען פון דער אָנפאַנגס-קלאַס ביז צו דער 8-טער נעהמט אָן די קאַנצעלאַריע פון 9–1 מיטאָג און פון 4–6 נאָכמיטאָג. צוקומענס לויט לעקציע-סיסטעם. 111

LEKARZ-DENTYSTA צאָהן-אַרצט
St. GELBERG
זאַכאַרניאַ 15, טעל. 31-08
היילט נאָך פערנאַכלעסיגטע ציינער- און מאָגן-קראַנקה.. צאָהן-ציהונג אָהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראַהלונג, ספּעציעלער לאַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע ציינער. נעהמט אָן פון 9–7 אָוונד. צו ביליגע פרייזען.

די כאָרוואַטען געגען יוגאָסלאַוויען.

נאַכ'ן בלוט-באַד אין יוגאָסלאַווישען פאַרלאַמענט.

זאַגרעב, 21 (ספּ. טעל.) צוליב די בלוטיגע געשעהענישען אין יוגאָסלאַווישען פאַרלאַמענט אין וועלכע מיר האָבען נעכטען געשריבען זענען דאָ פאָרגעקומען גרויסע רעמאָנסטראַציעס, אויף אַלע געביידעס זענען אַרויסגעהאָנגען געוואָרען שוואַרצע טרויער-פעהנער, אַלע פערוויילונגס-לאָקאַלען זענען פערמאַכט געוואָרען, און אין פאַבריק איז נישט אַרויסגעהאָנגען געוואָרען קיין שוואַרצע פאָהן, דער המון האָט זיך דאָרט אַריינגעריסען און אָנגעמאַכט גרויסע חיבות, ס'איז ענטשטאַנען אַ געשלעג מיט דער פּאָליציי 10 פערזאָן זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען.

די אָנפיהרער פון דער פּויערים-פּאַרטיי האָבען ערקלערט, אַז זיי וועלען אָנגעהמען אַלע מיטלען נישט צו דערלאָזען צו קיין עקסצעסען, זיי קענען אָבער נישט גאַראַנטירען. צי די פּויערים וועלען זיך נישט וועלען נוקם זיין פאַר'ן בלוט פון זייערע אָנפיהרער פּאַוועל און סטעפאַן ראַדיטש. דער דער'הרג'עטער פּאַוועל ראַדיטש האָט איבערגעלאָזען אַנ'אַלמנה מיט 8 קינדער, דער געוואונדעטער פון סטעפאַן ראַדיטש פערבעסערט זיך.

בעלגראַד, 21 (ספּ. טעל.) פון זאַגרעב מעלדט מען מיט וועגען אַ רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען דער כאָרוואַטישער בעפעלקערונג, דער מאָרד אין פאַרלאַמענט ווערט צוגעשריבען דער „ווילדקייט פון די באַלקאַנישע סערבען". ס'ווערט געפיהרט אַנ'אַגיטאַציע, אַז די כאָרוואַטען זאָלען זיך אָפּרייסען פון יוגאָסלאַווען.

בעלגראַד, 21 (אַטע) די זיצונג פון דער „סקופּשטינאַ" איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף אַנ'אומבעשטימטע צייט.

זאַגרעב, 21 (ספּ. טעל.) די טויטע קערפּערס פון פּאַוועל ראַדיטש און באַסאַריטשעק האָט מען געבראַנגט קיין זאַגרעב, די כאָרוואַטישע בעפעלקערונג גרייט צו בעת דער לויה גרויסע מאַניפעסטאַציעס. קיין זאַגרעב זענען אָנגעקומען גרויסע אָפּטיילונגען פּאָליציי און מיליטער.

בעלגראַד, 21 (ספּ. טעל.) די פאַמיליעס פון די דער'הרג'עטע כאָרוואַטישע דעפּוטאַטען האָבען אָפּגעוואָרפען די אונטערשטיצונגען וואָס די רעגירונג האָבען זיי געוואָלט געבען.

בעלגראַד, 21 (ספּ. טעל.) דעם מערדער דעפּ. ראַטשיטש האָט מען איינגעזעצט אין תפיסה, ער ערקלעהרט, אַז ער איז זיין טאַט בענאַנגען אין אַ מינוט פון גרעסטער אויפרעגונג.

קוואָטע פאַר עמיגראַנטען קיין אויסטראַליען.

וואַרשא, 21 (טעלעפאָניש) דער ענגלישער קאָנסול האָט נעכטען אָפיציעל געמאָלדען, אַז ער האָט בעקומען אַ פעראָרדנונג פון דער אויסטראַלישער רעגירונג איינצופיהרען אַ קוואָטע פאַר עמיגראַנטען פון פּוילען, יערען חודש וועלען אַרויסגעגעבען ווערען 25 וויזעס קיין אויסטראַליען.

הילף פאַר כינעזישע סטודענטען

וואַרשא, 21 (טעלעפאָניש) דער אינטערנאַציאָנאַלער סטודענטען-פערבאַנד האָט זיך געווענדעט צו דעם יודישען סטוד.-פערבאַנד וועגען אונטערנעהמען אַ הילפס-אַקציע פאַר די כינעזישע סטודענטען, וועלכע האָבען שטאַרק געליטען פון בירגער-קריג.

בעסערע לאַגע אין די קרימער קאָלאָניעס.

מאָסקווע, 21 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) די לאַגע אין די יודישע קאָלאָניעס אין קרים האָט זיך פערבעסערט צוליב די לעצטע רעגענס. ס'זענען דאָ אויסזיכטען אויף אַ גוטען שניט.

קאָנפערענץ פון דער קליינער קאָאַליציע.

בוקאַרעשט, 21. (אַט"ע). די קאָנפערענץ פון די אויסערען מיניסטאָרען פון דער קליינער קאָאַליציע האָט זיך אָנגעהויבען היינט 11 אַ זייגער פאָרמיטאָג.

עבר-הירדן-קאָרפּוס.

ירושלים, 21 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) בעת'ן אויפנעהמען די דעלעגאַציע פון ועד הלאומי האָט לאָרד פּלומער ערקלערט, אַז דער קאָרפּוס פון עבר הירדן איז שוין קאָמפּלעקטירט און סווערט אפילו פּאָראויסגעזעהען דאָרט אַ רעדוקציע, אַזוי אַז צו פערגרעסערען די צאָהל יודען איז אונמעגליך.

קאַמף געגען אַנטיסעמיטיזם.

מאָסקווע, 21 י.ט.א. טעלעגראַפיש) דער קרייז-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּאָלטאַווע האָט בעשלאָסען צו בעזייטיגען די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וועלכע ווייזען אַרויס אַנטיסעמיטישע טענדענצען, דער בעשלוס שטעהט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס יודישע אַרבייטסלאָזע זענען נישט אָנגענומען געוואָרען אין פאַבריקען.

דירה-געלד פאַר 1 צימער און קוך

וועט טייערער ווערען פון 1-טען יולי.

וואַרשאַ, 21 (טעלעפאָניש). היינט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער יורידישער קאָמיסיע ביים סיים. אויף דער טאָג-אָרדנונג האָט זיך געפונען די פראַגע וועגען אויפהאַלטען דעם וואוקס פאַר וואוינונגען פון 1 צימער און קוך.

ווי בעקאַנט, בעטרעפט איצט דאָס דירה געלד אין די דערמאָנטע וואוינונגען 43 פּראָצענט פון גרונד דירה-געלד. ס'זענען אַריינגעטראָגען געוואָרען פאָרשלאָגען, אַז די דאָזיגע „סטאַווקע" זאָל ווייטער חל זיין. די פאָרשלאָגען זענען אָבער אָפּגעוואָרפען געוואָרען. אַזוי-אַרום וועט דאָס דירה-געלד אין די קליינע וואוינונגען פון 1. יולי טייערער ווערען.

ווייטערדיגע בודזשעט-דעבאַטען אין סענאַט.

וואַרשאַ, 21 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). היינט איז אין סענאַט פאָרגעקומען די ווייטערדיגע דיסקוסיע איבער'ן בודזשעט. סענ. טהליע (נ. ד) האָט פּאָלעמיזירט מיט סענאַטאָר קערנער פון יודישען „קאָלאָ" און האָט געזאָגט, אַז ער וועט פּע-לאַנגען אַפּצושאַפען די בעגרענצונגען פון דער קאַטוילישער קירך אין פּוילען (?).

ווייטער האָט גערעדט דער אוקראַינער מאַקיך, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער ווייס", אַז קיינער הערט אפילו נישט אויס די רעדעס פון די אוקראַינער. ער ווייסט אויך זיכער, אַז קיין שום פאָדערונג וועט נישט נאָכגעגעבען ווערען.

— איך האָב דעריבער צו אייך איין פאָדערונג — האָט אויסגעשריגען סען. מאַקיך — בעפרייט אונז פון אייער אַפּוטרופּס'ות.

9 אַ זייגער איז די זיצונג אַ בערגריסען געוואָרען.

רבנים-צוזאַמענפאָהר.

וואַרשא, 21 (טעלעפאָניש) דער צוזאַמענפאָהר פון „אגודת הרבנים" וועט פאָרקומען אין ראש חשון, צום צוזאַמענפאָהר וועלען קומען פיל רבנים פון אַמעריקאַ.

ווי וואונדערבאַר אָפּגעברענט
און דאַך
אַז זומער-שפּרענקעלעך
דאָס קען מען דערגרייכען נור דורך
LESCHNITZER
קרעם און זייף
אויסגעאַרבייטע אָריגינעלע פּרעפּאַראַטען
געגען
זומער-שפּרענקעלעך און לעבער-פלעקען.
צו בעקומען אין אַפּטייקען און סקלאַד-אַפּטעקשנאָס.
קרעם 3.15, זייף 2.30.

ענדערונגען אין דער רעגירונג

וואַרשאַ, 21 (טעלעפאָניש). „סלאָוואָ פּאָלסקיע" ברענגט אַ ידיעה, אַז אינגיכען וועלען פאָרקומען גרויסע ענדערונגען אין דער רעגירונג.

אַמונדסען האָט זיך אָנגערופען.

מאָסקווע, 21 (א. וו.) די פּרעסע מעלדעט, אַז אַמונדסען פון וועלכען עס איז נישט געווען דריי טאָג קיין שום ידיעות. נעכטען האָט ער סיגנאַליזירט, אַז ער איז געצוואונגען געווען זיך אַראָפּצולאָזען אין צפון-טייל פון אייז-אָקעאַן.

ביי גערערם-קראַנקהייטען,

מאָגען-און גערערם-קאַטאַר, געשווילסען אין דיקדאַרם וואַנר, נייגונג צו ענטצינרונג פון דער בלינדער-קישקע בעזייטיגט דאָס נאַטירליכע ביטער-וואַסער

Franciszka Józefa

אויך שטויאונגען פון אונטערלייבס-אָרגאַנען נאָנץ שנעל און שמערצלאָז. לאַנגיעהריגע שפּיטאַל-ערפאַהרונגען לערנען, אַז דורכ'ן געברויך פון ביטערוואַסער פון פראַנץ יאָזעף ווערט די גערערם-פעררינטונג פּאַרציגליך רעגולירט.

צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַד-אַפּטעקשנעס.

קינא MIMOZA
178 קילינסקי 178.

ביז מאָנטאַג, דעם 2. יולי וואונדערבאַרער פילם פון נייעסטער פּראָדוקציע ביז מאָנטאַג, דעם 2. יולי

„די טויט-בריק"

סענסאַציאָנעל-עראָטישע דראַמע
אין 10 גרויסע אַקטען.

— אין די הויפּט-ראָלען: Thomas Meighan i Aileen Pringle
בעריהמט פון דעם פילם „Mandaryn Wu" RENEE ADOREE

פון דינסטאַג, דעם 3-טען יולי ביז דעם 9-טען יולי 1928 ווערט דעמאָנסטרירט דער גרויסער פילם

„די ליבהאָבערס" (דער הויז-פריינד)

קוקט און שטוינט!!!

פון היינט אָן קומט פאַר אין מיין
שיך-געשעפט י. טאַרקאַ צעגעלניאַנאַ נומער 59,

א גרויסער רעקלאַמע = פערקויף

פון זעמטליכע לייוונטענע שיך אויף גומי-זוילען מאַרקע „PEPEGE", לויט פאָלגענדע פרייזען: לודאָווע פון 4.85 זל. פון נ' 35–41 און פון 5.75 זל. נ' 42–46 ספּאָרטאָווע פון 5.85 זל. נ' 35–41 און קאַלאָשאָווע 6.75 זל. פון 42–46. ווייסע לודאָווע 5.30 זל. פון 35–41 און 6.00 זל. פון נ' 42–46. ווייסע לוקסוסאָווע אויף ווייסע זוילען 8.00 זל. פון נ' 35–41 און 9.30 זל. פון נ' 42–46. ווייסע לוקסוסאָווע אינדישע גומי (קרעפּ) 10.50 זל. פון נ' 35–41 און 12.00 זל. פון 42–46. ווייסע לוקסוסאָווע דאַמסקע אויף אַ פאַסעק הויכע קלעצער 10.85 זל. פון נ' 35–41.

טעאַטער-סטודיע
„יודישע אַרבייטער-ביהנע"
לייטונג: ר. ראָזענטאַל.
מיר זענען מודיע, אַז די טעאַטער-סטודיע נעמט אָן מיטגלידער.
אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט יעדען מאָנטאַג און מיטוואָך פון 8.30 ביז 10 אָוונט פּיראַמאָוויטשאַ 14.

פּאָליסען

פון די רוסישע געזעלשאַפטען
„ראָסיאַ", „פּעטערבורגער", „ושיטשע" פון 1835
נעמט אָן צו רעגיסטרירען דאָס פערזיכערונגס-ביוראָ פון

מ. שיינבערג, ווסכאָדניאַ 39
טעלעפאָן 29-04.
טעגליך פון 9 פריה ביז 4 פאָרמיטאָג.

אַ קוואַליפיצירטער
שטריקער
וועלכער בעזיצט אַ 10-ער אָדער 12-ער מאַשין ווערט געזוכט געגען יעהרליכע אַרבייט. צו ערפאַהרען ביי באַרנשטיין, פּעטריקאָווער 82. 127

[illegible]
מאַגיסטער ל. [illegible]
מאַרשאַלקאָווסקאַ 37, 2. שטאָק [illegible]

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר שלמה העלפאַנד פערוואַלטונגס-מיטגליד פון אונזער צענטראַלען קליינהענדלער-פעראיין, זאַוואַדזקאַ 5 צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין אומפערגעסליכער

טאַכטער נ. ע.

אַ טרייסט זאָלסטו געפינען אין דער ווייטערדיגער אַרבייט.

די פערוואַלטונג פון צענטראַלען קליינהענדלער-פעראיין, זאַוואַדזקאַ 5.

אַנאָנסען אין „נייעם פאָלקסבלאַט" האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג!

נאָבילע'ן געפונען, וואו איז אַמונדסען?

דירעקטער ראַדיאָ־קאָנטאַקט מיט גען. נאָבילע.

אָסלאָ, 21. (ספּ. טעל.) געכטען האָט דער נאָרוועגישער אינסטיטוט אין טראָמסאָ דערהאַלטען דייטליכע סיגנאַלען דירעקט פון נאָבילע'ס ראַדיאָ־אַפּאַראַט. מ'רעכענט, אַז דער פראַנצויזישער אעראָפּלאַן „לאַטהאַם״ מיט אַמונדסען'ען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן אָרט, וואו נאָבילע געפינט זיך, און האָט איהם איבערגעגעבען דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

אָסלאָ, 21. (ספּ. טעל.) דאָ זענען אָנגעקומען פּרטים וועגען דער עקספּעדיציע פון מאַיאָר מאַדאַלענאַ, וועלכער האָט געפונען נאָבילע'ן און איהם אַראָפּגעלאָזט געהרונגס־מיטלען.

דער הידראָפּלאַן „סאַוואָיאַ 55״ האָט לאַנג געשוועבט איבער די אייזבערג. ענדליך האָט מאַדאַלענאַ בעמערקט ווי עס בעוועגען זיך צווישען אייז געשטאַלטען און אויך אַ שוואַרץ פּינטעלע, וועלכעס מאַדאַלענאַ האָט אָנגענומען פאַר אַ פּאַלאַטקע. מאַדאַלענאַ האָט פעראָרדנט די דאַראָפּצולאָזען אויך נידריג, ווי נאָר מעגליך, פּדי דער הידראָפּלאַן זאָל זיך נישט אָנשטויסען אויף די אייזבערג. מ'האָט בעמערקט עטליכע מענשען, וועלכע האָבען געגעבען אומפערשטענדליכע סיגנאַלען. מאַדאַלענאַ האָט גע־הייסען אַראָפּוואַרפען די פּעק מיט פּראָדוקטען, און ס'איז בעמערקט געוואָרען, אַז די געשטאַלטען הויבען אויף די פּעק. אַזוי ווי די וואַפּאַסען בענזין האָבען נישט ערלויבט לענגער צו פליהען, האָט זיך מאַדאַלענאַ אומגעקעהרט אויף שפּיצבערגען.

אָסלאָ, 21. (ספּ. טעל.) אַמונדסען, וועלכער איז אַרויסגעפלויגען זוכען נאָבילע'ן איז געצוואונגען געוואָרען זיך אַראָפּצולאָזען אין צפון־טייל פון פּאַלאַרים. ס'איז אויפגענומען געוואָרען זיין ראַדיאָ־דעפּעשע, אין וועלכער ער בעט באַלדיגע הילף.

דער סאָוויעטישער אייזברעכער „מאַליגין האָט דערהאַלטען אַ בעפעהל תּיכף זיך צו לאָזען זוכען אַמונדסען'ען.

דערמאָרדעט אַ יוד צוליב 1 דאָלאַר.

שרעקליכער רויב־אָנפאַל אויף אַ יאַווראָווער יודישער פאַמיליע.

לעמבערג. די יאַוואָראָווער סביבה איז אויפ־גערודערט געוואָרען פון אַ שרעקליכען רויב־מאָרד, וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף אַ דאָרטי־גער יודישער משפּחה.

דער דאָזיגער שוידערהאַפטער מאָרד איז אויס־געפיהרט געוואָרען ביי פאָלגענדע אומשטענדען:

אין דאָרף האַטקי ביי יאַוואַראָוו וואוינט די יודישע משפּחה פון דער אַלמנה הינדע גאָלדשטיין.

אין דער נאַכט פון מאָנטאָג אויף דינסטאָג האָבען אומבעקאַנטע בעוואָפענטע באַנדיטען זיך נעגרייט אויסצופיהרען אַ רויב־אָנפאַל אויף דער יודישער פאַמיליע גאָלדשטיין.

אַרום האַלבער נאַכט זענען די באַנדיטען גע־קומען צום הויזעל, וואו עס האָט געוואוינט די אַלמנה מיט איהר בני בית. די באַנדיטען האָבען עטליכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

דערהערט אַ געקלאַפּעריי, האָט זי דראָס בני־בית שטאַרק דערשראָקען. דער עלסטער זוהן, מרדכי גאָלדשטיין האָט אויף זיך געכאַפּט אַ אויבער־מלבוש און געגאַנגען עפענען.

ווען די באַנדיטען האָבען דערזעהען גאָלד־שטיינען, האָבען זיי אָבגעגעבען עטליכע שאָסען און האָבען איהם אַוועקגעלעגט אַ טויטען אויפ'ן אָרט.

דאַן זענען די באַנדיטען אַריין אין שטוב, האָבען טעראָריזירט די אַנוועזענדע און האָבען אָנ־געהויבען צו זוכען געלד.

אַזוי ווי אָבער די פאַמיליע גאָלדשטיין איז געווען אָרים, האָבען די באַנדיטען נישט מעהר געפונען ווי 1 דאָלאַר. די באַנדיטען האָבען צו־גענומען דעם דאָלאַר און זענען אַנטלאָפען.

די פּאָליציי זוכט די באַנדיטען.

Dr. med. M. GLAZER

ul. ZIELONA Nr. 6.

טעלעפאָן 45-49

הויט־ און ווענערישע קראַנקהייטען

נעמט אָן פון 8—9.30 12—2 און 7—8 אָוונט.

Dr. B. ROBINZON

אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען

האָט זיך איבערגעצויגען פון נאָוואָמיעסקא 22

אויף פּעטריקאָווער 10,

טעלעפאָן 86-31.

Dr.med. ST. HEINRICH

WIŚNIOWA GÓRA

WILLA KACZOROWSKIEGO

ספּעציאַליסט פאַר קינדער־ און אינערע קראַנקהייטען.

Dr. Z. Rakowski

ספּעצ. פאַר אויערען־, נאָז־, האַלז־ און לונגען־קראַנקה.

קאָנסטאַנטינער 9, טעלעפאָן 27-81.

זפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעמאַניצע, נאַרוטשער 17 פון 10—11 און פון 2—3

טראַגעדיע פון אַ יודיש מיידעל

קודם איז זי מקדש אַ רוסישער זעלנער און זי מוז אָנקומען צו אַ גט פון מאה רבנים — דאַן שטאַרבט איהר צווייטער מאַן און זי ווערט אַ יונגע גרושה־אַלמנה.

(ג) בשעת די רוסען האָבען אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה איינגענומען גאַליציע, האָט מען לכתּחילה געלעבט אין גרויס שרעק אין די פּערשי־רענע גאַליציאַנער שטעטלעך, וואו דער רוסישער חיל האָט אַריינמאַרשירט. צוביסלעך אָבער האָט מען זיך צוגעוועהנט צו די נייע בעלי בתּים און מען האָט אָנגעהויבען נאָרמאַל לעבען, אין מאַנכע שטעט־לעך אַפילו אין בעסערע בעדינגונגען, ווי בעת דער עסטרייכישער ממשלה.

צו די שטעטלעך אין גאַליציען, וואו די רוסען מיט די עסטרייכער האָבען זיך כסדר געביטען, האָט אויך געהערט סאַסאָוו. פּרל. מ. פון סאַסאָוו, אַ יונג, שעהן און לעבעדיג מיידעל האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסען צו דער מרה שחורה און די חרים, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט די כסדר'דיגע קאַמפען אין דער דאָזיגער צייט און ווי עס איז נאָר אַביסעל רוהיגער געוואָרען, האָט זי זיך אויסגעפּוצט און געגאַנגען שפּאַצירען.

אין שטאָדט האָבען זיך אַרומגעדרעהט רוסישע זעלנער, צו וועלכע מען האָט זיך צוגעוועהנט און פּרל. מ. איז געגאַנגען אין געזעלשאַפט פון צוויי סאַסאָווער בחורים הינטער דער שטאָדט. צו זיי איז צוגעקומען אַ רוסישער זעלנער (אַ יוד) אַ שעהנער בחור, וועלכער איז טאַקי פּרל. מ. וואויל־געפעלען און מען האָט אָנגעהויבען ראָמאַנסירען.

עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז דער אומבעקאַנטער רוסישער זעלנער האָט פאָרגעלעגט דעם פרייליין, זי זאָל פון איהם אָנעהמען אַ מתּנה. זי האָט דערצו ספקים געווען. אָבער דעמאָלט האָט דער זעלנער געשטעלט אַ תּנאי, נעמליך, ער וועט איהר געבען אַ מתּנה, אַ רינגעל, אויב זי וועט איהם דערלויבען צו זאָגען דערביי אַ פּאָר ווערטער. דאָס מיידעל האָט דערצו געגעבען איהר הסכּמה. דער זעלנער האָט דאַן אַרויסגענומען פון קעשענע אַ רינגעל, אָנגעטאָן עס דעם מיידעל אויפ'ן פינגער און געזאָגט: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו...״ די צוויי בחורים־בעגלייטער פון דעם מיידעל זענען דערביי געשטאַנען האָבען זיך נישט חושענדיג געמאַכט, אָדער האָבען זיך נישט אָריענטירט, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ און די גאַנצע זאַך פערשוויגען.

די רוסען האָבען דערווייל געמאַכט דעם ריק־צוג און אויך דער זעלנער, וואָס האָט מקדש גע־ווען דאָס מיידעל איז אַוועק מיט דער רוסישער אַרמעע. דאָס איז געשעהען אין יאָהר 1915.

די יודען אין סאַסאָוו האָבען אַביסעל אָבגעאָ־טעמט נאָך די מלחמה־קרבּנות און כאָטש דער קריג האָט נאָך ווייטער געדויערט האָט מען זיך אָנגעהויבען אַביסעל איינצואָרדנען. וועגען דעם, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם רוסישען זעל־נער און דעם מיידעל האָט קיינער נישט געוואוסט. דאָס מיידעל האָט קיינעם נישט דערצעהלט און אויך די צוויי בחורים, וואָס זענען אָנוועזענד געווען בשעת די קידושין זענען געווען בעלי סודות.

„ווענד האָבען דאָך אָבער אויך אויערען״ — זאָגט אַ ווערטעל — און מען איז אין שטאָדט גע־וואָהר געוואָרען, אַז אַ אומבעקאַנטער רוסיש־יו־דישער זעלנער האָט מקדש געווען אַ סאַסאָווער מיי־דעל און איז אַוועק, און ווער דאָס מיידעל איז, האָט מען נישט געקאָנט דערגעהן. ווען דאָס בית־דין איז אָבער וועגען דעם ענין געוואָהר געוואָרען, האָט עס מכריז געווען אין שטאָדט, אַז אַזוי לאַנג מען וועט נישט דערגעהן, ווער דאָס מיידעל איז, וועט מען אסר'ן צו געבען חופּה וקידושין יעדען סאַסאָווער מיידעל. אָט דער דאָזיגער איסור האָט אָנגעמאַכט אין שטאָדט אַ רושם, פּרל. מ. האָט זיך דעריבער ענטשלאָסען, אַליין צו מעלדען דעם בית־דין, אַז מיט איהר איז פאָרגעקומען די גאַנצע מעשה און אַז צוויי בחורים זענען דערביי געשטאַנען.

אַזוי ווי דער זעלנער האָט פון זיך נישט גע־לאָזט הערען. האָט זי פערלאַנגט פון בית־דין אַ היתר, חתונה צו האָבען. נאָך לאַנגער מיה און מאַטערנישע האָט דאָס מיידעל אַרויסבעקומען אַ היתר פון מאה רבנים. איינער פון די עדות, ד. ה. פון די צוויי בחורים האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט געהערט, וואָס דער אומבעקאַנטער זעלנער האָט גע־מורמעלט, בשעת ער האָט איהר אָנגעטאָן דאָס רינגעל, דער צווייטער, אַז ער האָט ווידער נישט געזעהען, בשעת ער האָט איהר אָנגעטאָן דאָס רינגעל.

ווען דאָס מיידעל האָט אַרויסבעקומען דעם היתר אויף חתונה צו האָבען, איז שוין ממילא בטל געוואָרען דער אסור אויף אַנדערע מיידלעך. איהר אַליין האָט זיך טאַקי באַלד געטראָפען אַ שידוך מיט דעם אָרטיגען שמש'ס אַ זוהן יעקב און זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט.

אַז עס איז אָבער נישט בעשערט קיין מזל, העלפט גאָרנישט. גאָר אַ קורצע צייט האָט פּרל. מ. גליקליך געלעבט מיט איהר מאַן, ביז ער איז קראַנק געוואָרען. ווען מען האָט דערזעהען, אַז זיין קראַנקהייט איז אַ מסוכּנ'ע און כּדי דאָס ווייבעל זאָל נישט בעדאַרפען נעהמען קיין חליצה, ווען ער זאָל אָבשטאַרבען, האָט דער קראַנקער יעקב געגעבען זיין ווייבעל אַ גט על תּנאי, ד. ה. אויב ער וועט געזונד ווערען, איז דער גט בטל און זי איז צוריק זיין ווייב, וועט ער אָבער דאַנגען שטאַרבען, ווערט זיין ווייב אַ גרושה, ד. ה. דער גט על תּנאי איז דאַמאָלט חל, אָבער נישט קיין אַלמנה, עווענטועל אין דעם פאַל פון אַ יבמה.

יעקב איז אַנומעלט געשטאָרבען און זיין ווייב איז געבליבען אַ יונגע גרושה־אַלמנה.

יודיש טעאַטער אין זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20

גאַסטראָלען פון די לאָדזער ליבלינגען אננא און הײמאַן יאַקובאָוויטש

שבת, 3.30 נאָכמ. צו ביליגע פרייזען

די פּוילישע חתונה

אין 6 בילדער מיט שיהנע געזאַנג און טענץ פון טאָמאַשעווסקי. הויפּט ראָלען: שיינדעלע - אננא יאַקובאָוויטש, יאַקאָ ציגיינער - הײמאַן יאַקובאָוויטש.

שבת, דעם 23. און זונטאָג, דעם 24. יוני 9 אָוו. פּרעמיערע! צום 1. מאָל אין לאָדז!

וואָס פרויען פערלאַנגען

אין 3 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון שאַפּאָשניקאָוו. הויפּט־ראָלען: אננא — אננא יאַקו־באָוויטש, יאָסעל — ה. יאַקובאָוויטש.

עס ווערט געזונגען נייע נימערן, וואָס זענען אין לאָדז נאָך נישט געזונגען געוואָרען.

מאָנטאָג, דעם 25־טען יוני 9 אין אָוונט פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פון 1 ביז 2,50

„די מאַמע פון דער וועלט״

אין 4 אַקטען מיט געזאַנג פון זאָלאָטאַרעווסקי. הויפּט־ראָלען: מרים—אננא יאַקובאָוויטש, דעוו — הײמאַן יאַקובאָוויטש.

דינסטאָג, ד. 26. 9 אָוו. צו ביליגע פּרייזן

די רומענישע חתונה

אין 3 אַקטען, הויפּט־ראָל: דבורה — אננא יאַקובאָוויטש.

מיטוואָך, דעם 27־טען יוני, 9 אין אָוונט

בלינדע פרויען

אין 4 אַקטען פון ד״ר בלאָך. הויפּט־ראָלען: בעלאַ — אננא יאַקובאָוויטש. מאַזענטאַל — הײמאַן יאַקובאָוויטש.

אַלע פּיעסען זענען רעזשיסירט פון הײמאַן יאַקובאָוויטש.

ס'נעהמען אָנטייל פרויען: בעזמאַן, זעווקינאַ, מאַכאַראָווסקאַ, פּאָדערמאַן. מענער: אַריעל, אייזענבערג, בירנבוים, באַלידיסקי, האַמבורגער, מאַכאַראָווסקי, נייהויז, פּאָליאַנסקי, צווייק. מוזיקאַלישע לייטונג: ל. זעלמאַן, טענץ איינשטודירט פון טאַנץ־מייסטער ב. לייבאָוויטש. אַדמיניס.: אַ. בעזמאַן. ביהנע־לייטער: מאַכאַראָווסקי. בילעטען אין פילהאַרמ.־קאַסע.

אַכטונג! אין פאָרבערייטונג די נייעסטע פּרעמיערע „סערקע קאָזאַק״

לאָדזער. = קינסטלערישע טעאַטער

„GONG“

אין גאַרטען, ציגעל־גאַס 16.

אונטער דיר. פון **Walery Jastrzębiec**

היינט פּרעמיערע! פון דער גרויסער אַקטועלער סאַטירישער רעווי פון **WŁADYSŁAW POLAK** א. נ.: היינט פּרעמיערע!

„דער ראַקעט אויף דער לבנה״

מיט'ן אָנטייל פון גאַנצען אַנסאַמבל און מיט די גאַסטשפּילען פון דער זינגערין p. **Jadwiga Hryniewiecka**, p. **Janina Madziarówna** און די אַרטיסטען פון „Qui pro Quo“ p. **Helena Buczyńska** און דער ליבלינג פון לאָדז **Czesław Skonieczny**

טעגליך 2 פאָרשטעלונגען: 8 און 10 אָוונט. זונטאָג 3 פאָרשטעלונגען: 6, 8 און 10 אָוונט.

קינאָ „ERA“

פּרי־ „פּלאַזאַ״ זאַווישאַ 22 (באַלוט) הער

אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 5 אַ זייגער נאָכמ. שבת און זונטאָג 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

— סימפאָנישער אָרקעסטער. — דער זאַל איז מעכאַניש ווענטילירט

היינט און פאָלגענדע טעג! טראַגעדיע פון אַ מיידעלשער נשמה!

IWONKA

אין די הויפּטראָלען: די קעניגין פון פּוילישען עקראַן

Jadwiga Smosarska i Józef Węgrzyn

גרויסע געגענוואַרטיגע עראָטישע דראַמע אין 10 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג לויט דער בעוואוסטער ערצעהלונג פון **Juljusz German**

פּאַרלאַמענטאַר'שע „דיפּלאָמאַטיע“

און דער אָנגענומענער מלוכה־בודזשעט

דער מלוכה־בודזשעט איז אָנגענומען געוואָרען דורכ'ן סיים מיט אַלע אויסבעסערונגען און דעמאָנסטראַטיווע אויסשטרייכונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען דורך דער אָפּאָזיציע. די אויסבעסערונג און אויסשטרייכונגען זענען אָנגענומען געוואָרען געגען דעם אויסדריקליכען ווילען פון דער רעגירונג און דעם רעגירונגס־בלאָק אין סיים.

מיט דעם זעלבען ערפאָלג האָט דער גאַנצער בודזשעט נישט געקענט אָנגענומען ווערען ווען די אָפּאָזיציע וואָלט דאָס געוואָלט און ווען זי וואָלט געווען גרייט איבערצונעמען די רעגירונג און פיהרען. די אָפּאָזיציע האָט אָבער נאָר געוואָלט דעמאָנסטרירען און געבען אָנצוהערענישען אָהן שום פעראַנטוואָרטליכקייט און אָהן קאָנסעקווענצען. און מיט איינענעם ווילען האָט זי זיך נאָך בעמיהט צוזאַפּצושטעלען אַ נויטיגע מעהרהייט, כדי דער בודזשעט זאָל אין דער דריטער לעזונג קענען אָנגענומען ווערען.

אַזוי האָט די פּ.פּ.ס. אונטערהאַנדעלט מיט די פּויערים־גרופּע, אַז די לעצטע זאָלען שטימען פאַר'ן בודזשעט, פאַר ווי אַליין, פאַר די פּ.פּ.ס., האָט נישט געפּאַסט צו שטימען פאַר'ן בודזשעט, זיי האָבען דאָך געהאַלטען אַזעלכע שאַרפע אָפּאָזיציע רעדעס אין די קאָמיסיעס און אויפ'ן פּלענום, זיי האָבען דאָך דער נאָס דערצעהלט וועגען זייער אָפּאָזיציע און וועגען זייער קאַמף. די פּויערים הידער האָבען אָבער פון דער פּ.פּ.ס. פערלאַנגט פאַר זייער שטימען פאַר'ן בודזשעט, אַז די סאָציאַליסטען זאָלען שטימען פאַר אַ סומע פון 100 מיליאָן זל. אויף קרעדיטען פאַר די פּויערים, די פּ.פּ.ס. האָט מסכים געווען און די קאָמבינאַציע איז געשלאָסען געוואָרען. די פּ.פּ.ס. האָט געשאַפען די מעהרהייט פאַר די 100 מיליאָן זלאָטים קרעדיט פאַר פּויערים, דאַן איז זי אַרויס פון זאַל און דאָס איינסעל צוזאַמען מיט די פּויערים האָבען שוין געהאַט אַ מעהרהייט פאַר'ן בודזשעט. דאָך איז דער בודזשעט נישט אָנגענומען געוואָרען מיט קיין אַבסאָלוטער מעהרהייט שטימען, נאָר מיט אַ מעהרהייט פון די אַנוועזענדע רעפּוטאַטען אויף דער זיצונג. ביי דער דאָזיגער אָפּשטימונג האָט די פּ.פּ.ס. אויסגעמיטען אַן ענטשיידענדען קאַמף מיט דער רעגירונג. זי פיהרט אַזוי גערופענע „פּאַרלאַמענטאַרישע פּאָליטיק“, פּ.פּ.ס. האַלט, אַז אויב אין די איצטיגע בעדינגונגען זאָל קומען צו אַ שאַרפען קאָנפליקט מיט דער רעגירונג דאַרף דערצו גורם צו זיין די רעגירונג און נישט קיין סיים־גרופּע.

די רעגירונג און דאָס „איינסעל“ זעהט אויס האָבען אויסגעצייכענט תופס געווען די דאָזיגע פּאָליטיק און האָבען נישט געוואָלט דער אָפּאָזיציע פערשאַפען די סאַטיספאַקציע און אָנהויבען דעם קאַמף מיט'ן סיים, די רעגירונג האַלט פון איהר זייט, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך דער סיים מיט עפּעס קאָמפּראָמיטירען און וועט אַליין ברענגען די סיבות, וואָס זאָלען דערפיהרען צו אַן ענטשיידענדע שאַפונג פון אַ סיים־מעהרהייט אָדער גאָר.... צו אַן אַנדערע לעזונג פון דער פראַגע. דעריבער איז געקומען די גרויסע סענסאַציע אין דער בודזשעט־קאָמיסיע פון סענאַט. אין סענאַט וואָלט די רעגירונג בכוח געווען צוריקצושטעלען דעם בודזשעט אין דער רעגירונגס־רעדאַקציע און אָפּוואַרפען אַלע אויסבעסערונגען, אָדער „אויסערגערונגען“, ווי דאָס „איינסעל“ האָט דאָס אָנגערופען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען דורכ'ן סיים.

אין דעם דאָזיגען פאַל וואָלט דער בודזשעט געמוזט צוריקגעהען אין סיים און זיין גורל וואָלט אָפּהענגיג געוואָרען טאַקע פון דער פּ.פּ.ס. פון די וועלכע האָבען איהם בגוואַלד אַדורכגעשטופּט. האָבען טאַקע די רעגירונג און די רעגירונגס־גרופּע בעשלאָסען דעם קאַמף נישט אָנצוהויבען און אַדורכצולאָזען דעם בודזשעט אין דער פאָרם, ווי ער איז אָנגענומען געוואָרען דורכ'ן סיים. די רעגירונג האָט אַזוי אַרום אויפגעגעבען דעם קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע אָפּלעגענדיג איהם אויף אַן אַנדער צייט, ווען עס וועט זיך נישט האַנדלען וועגען בעקומען די מעגליכקייט פון נאָרמאַלער אַרבייט דורכ'ן אַן'אָנגענומענעם בודזשעט.

דאָ האָבען זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַנדערע שוועריגקייטען, אין די אויסבעסערונגען פון סיים זענען צווישען אַנדערע אויך פערהאַן אַזעלכע, וועלכע זענען געווענדעט דירעקט געגען די מיניסטאָרען פון אינערן, יוסטיץ, פּאָסט און אַגראַר־רעפאָרם, ווען אַלץ ווערט שוין געמאַכט אַזוי פּאַרלאַמענטאַריש וואָלטען כדרך הטבע די דערמאָהנטע מיניסטאָרען זיך געדאַרפט אָפּגעבען אין דימיסיע. זיי האָבען דאָס אָבער ביז איצט נישט געטוהן און אַלע וואַרטען איצט אויף עפּעס אַ קלוגען אויסגאַנג פון דער לאַגע. ווי ס'איז פאַראויסצוזעהען וועלען די מיניסטאָרען זיך נישט אָפּגעבען אין דימיסיע. די רעגירונג וועט אַזוי אַרום וועלען אונטערשטרייכען, אַז די אויסבעסערונגען פון סיים, אָפּאָזיציע און בודזשעט האָבען פאַר איהר נישט קיין גרויסען ווערט און זי נעהמט זיך דאָס נישט שטאַרק צום האַרצען, אַז, די זעלבע אויסבעסערונגען זענען דורך דער רעגירונג אונאָפיציעל אָפּראָבירט געוואָרען איז עס טאַקע — „פּאַרלאַמענטאַרישע דיפּלאָמאַטיע“.

יער.

דער פּאָליטישער מאָמענט

די נייע רייבונגען צווישען ענגלאַנד און די סאָוויעטען. — דייטשלאַנד'ס ענטשעדיגונגען טרעטען אַריין אין אַ נייע פאַזע. — הובער אלס קינפטיגער פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען

אין ענגלאַנד רוהערט זיך מיט אַ נייעם סקאַנדאַל, וועלכער מאַכט אויפסניי קאַליע די אַזוי אויך נישט פרייליכע בעציהונגען צווישען לאָנדאָן און מאָסקווע.

דער ענגלישער אינערן־מיניסטער דזשאָינסאָן היקס האָט ערקלערט אין פּאַרלאַמענט, אַז לויט די ידיעות, וואָס ער בעזיצט, האָט דער קאָמאינטערן איבערגעפיהרט פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין משך פון די לעצטע צוויי יאָהר 30 טויזענד פונט שטערלינג. די סומע איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן דורך דער מאָסקווער פאָלקס־באַנק און באַנק פאַר רוסישען האַנדעל און איז געגאַנגען אויף די לויפענדע רעכענונגען פון עטליכע קליינע בעאַמטע פון די באַנק.

די דירעקטאָרען פון די דערמאָהנטע בענק האָבען ערקלערט, אַז דאָס איז אַרכילות און האָבען פאָרגעלעגט צו מאַכען אַ רעוויזיע אין זייערע ביכער און דאָקומענטען. די ענגלישע רעגירונג האָט אויסגענוצט די ליבענסווירדיגקייט און האָט געשיקט איהרע רעוויזאָרען אין די רוסישע בענק, און ווי ס'בעהויפּטען די אָפיציעלע ענגלישע קוועלען, איז טאַקע געלונגען צו געפינען דאָס, וואָס מ'האָט געזוכט, ד. ה. בעוויזען, אַז די ענגלישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי ווערט פינאַנסירט דורכ'ן קאָמינטערן.

דער עפעקט פון דער רעוויזיע וואָלט אפשר נישט געווען אַזוי גרויס, ווען דער דירעקטאָר פון דער מאָסקווער פאָלקס־באַנק וואָלט נישט נאָך דער רעוויזיע אָפּגעזאָגט פון זייערע פּאָסטענס עטליכע אָנגעשטעלטע; דערמיט האָט ער אין אַ גרויסער מאָס בעשטעטיגט די בעשולדיגונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען דורכ'ן אינערן־מיניסטער. דזש. היקס בעהויפּט, אַז אַ העלפט פון דער סומע, וועגען וועלכער ס'איז די רייד, איז געגעבען געוואָרען דורכ'ן סאָוויעטישען האַנדעלס־אַטאַשע אין לאָנדאָן שאַניץ, און איז אין דער אָפּעראַציע פערמישט אַ חוץ דער מאָסקווער אויך אַ בערלינער באַנק.

דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז די קרעדיט־בילעטען, וואָס זענען ד. 17־טען מערץ 1928 געפונען געוואָרען ביים אירלענדישען טעראָריסט בערק, שטאַמען פון באַנק פאַר רוסישען האַנדעל. די דאָזיגע באַנק האָט ערקלערט, אַז אַט די בילעטען זענען נאָך אין נאָוועמבער פון פאָריגען יאָהר געשיקט געוואָרען אין דער סאָוויעטישער באַנק אין בערלין (גאַראַנטי־און קרעדיט־באַנק), אָבער ווי אַזוי די בילעטען זענען געקומען צום אירלענדישען טעראָריסט — דאָס איז געבליבען נישט אויפגעקלערט.

די רעוועלאַציעס פון דזשאָינסאָן היקס'ן האָבען אין פּאַרלאַמענט און אין דער ענגלישער געזעלשאַפט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. דער איינציגער קאָמוניסט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט, דער אינדוס סאַקלאַטוואַלאַ, האָט געפּרובט ערקלערען, אַז די מיטגלידער־ביטראַגן פון אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פליסען אַריין אין איין מאָסקווער באַנק און דערנאָך ווערען זיי צוטיילט אין די בעזונדערע לענדער. אָבער סאַקלאַטוואַלאַ'ן האָט מען אין פּאַרלאַמענט אויסגעלאַכט.

די ענגלישע אַרבייטער־פּאַרטיי, וועלכע איז געוועהנליך געגען פערשאַרפען די בעציהונגען מיט די סאָוויעטען און בעטראַכט די אַרויסטרעטונגען פון באַלדווינס רעגירונג געגען רוסלאַנד אַלס אָנגריפען אויף פרייהייט און דעמאָקראַטיע, האָט דאָס מאָל זיך געהאַלטען אין דער פּאָזיציע פון אָפּוואַרטענדער נייטראַליטעט. די זאַך איז די, וואָס עס ליגט נישט אין די אינטערעסען פון דער לייבאָר־פּאַרטיי זיך אַקעגענצושטעלען דעם קאַמף פון דער רעגירונג געגען סובסידיעס פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די דאָזיגע סובסידיעס וואָלטען געגעבען אַ מעגליכקייט אַרויסצושטעלען זייערע קאַנדידאַטען ביי די פאָרשטעהענדע וואַהלען צום פּאַרלאַמענט, און אַזוי ווי ענגלאַנד הערשען מעהרהייטס־וואַהלען, איז יעדער קאָמוניסטישער קאַנדידאַט אַ סכנה פאַר'ן ענטשפּרעכענדען קאַנדידאַט פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, ווייל ער הויבט די שאַנסען פון די ליבעראַלען און קאָנסערוואַטיווע.

* * *

ס'איז פערעפענטליכט געוואָרען דער בעריכט פון גענעראַל־אַגענט פאַר די ענטשעדיגונגען, וואָס דייטשלאַנד דאַרף צאָהלען לויט דעם אַזוי גערופענעם „דאַוס־פּלאַן“. דער בעריכט נעהמט אַרום 9 חדשים פון 4־טען דאַוס־יאָהר.

לויט'ן דאַוס־פּלאַן דאַרף דייטשלאַנד צאָהלען יעהרליך ענטשעדיגונגען אין דער הויך פון 2 מיט אַ האַלבען מיליאַרד מאַרק. כדי אָבער נישט צו בעלעסטיגען צופיל דייטשלאַנד, איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אין די ערשטע דריי יאָהר זאָל געצאָהלט ווערען צו 1 מיליאַרד מאַרק, און אין 4־טען יאָהר — 1 מיט דריי־פערטעל מיליאַרד. פון סעפּטעמבער 1928 דאַרפען די צאָהלונגען אַריינגעטראָגען ווערען אין דער פולער סומע. דאָס בעדייט, אַז דער דייטשער בודזשעט ווערט בעלעסטיגט אויף גאַנצע 750 מיליאָן מאַרק (אין פערגלייך מיט'ן לויפענדען יאָהר).

די דייטשע פּאָליטיקער און עקאָנאָמיסטען דריקען אויס די מורא, אַז די דאָזיגע בעלעסטיגונג וועט זיך שווער אָפּרופען אויפ'ן ווירטשאַפטליכען לעבען פון לאַנד, ווידער דער גענעראַל־אַגענט ס. גילבערט פּאַרקער פאָדערט, עס זאָל שטרענג דורכגעפיהרט ווערען דער רעזשים פון עקאָנאָמיע אין בודזשעט, כדי דייטשלאַנד זאָל נישט פערלירען די צאָהלונגס־פעהיגקייט...

אין פערגלייך מיט זיין פריהערדיגען בעריכט איז גילבערט פּאַרקער געשטימט פיל פרייליכער. ער אָנערקענט, אַז די דייטשע רעגירונג פיהרט גענוי אויס דעם פּלאַן פון די ענטשעדיגונגען און אַז אין הסכם מיט זיינע אָנווייזונגען איז פערקלענערט געוואָרען די צאָהל אויסלענדישע הלואות, וואָס ווערען געמאַכט דורך די בעזונדערע דייטשע לענדער און קאָמונאַלע פערוואַלטונגען.

* * *

דער קאָנגרעס פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי אין אַמעריקאַ, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין קאַנזאַס סיטי, האָט מיט אַ קאָלאָסאַלער מעהרהייט בעשטימט אַלס קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי צו די פאָרשטעהענדיגע פּרעזידענט־וואַהלען הערבערט הובער'ן. געגען הובער'ן זענען געווען די פאַרמערס, פאַר — די אינדוסטריע און פינאַנסען. אין דער לעצטער מינוט האָט געוואָרפען זיך שטים פאַר הובער'ן דער פינאַנץ־סעקרעטאַר אין קולידזש'ס רעגירונג ענדריו מעלאַן, אַ מיליאַרדער און איינער פון די באַנק־דירעקטאָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. נאָך מעלאַן'ען איז געגאַנגען דער שטאַט פּענסילוואַניא — שווערע שטאָהל־ און קוילען־אינדוסטריע און דער שטאַט ניו־יאָרק — די פינאַנצען.

הובער'ס קאַנדידאַטור אַלס פּרעזידענט איז אַזוי אַרום כמעט איינגאַנצען געזיכערט. די אינדוסטריע און די פינאַנצען זעהען אין איהם דעם מענש, וועלכער וועט זיך נישט אַקעגענשטעלען דער „פּראָספּעריטי־פּאָליטיק“, ד. ה. ער וועט ווייטער פיהרען די ליניע פון קולידזש'ן: נישט שטערען און בערייכערען זיך.

דאָס שטעלט הובער'ן אין קאָנפליקט מיט די פאַרמערס. די לאַנדווירטשאַפט אין אַמעריקאַ געהט דורך אַ קריזיס. די פאָדערונג פון די לאַנדווירטען וועגען קרעדיטען איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען דורך קולידזש'ן, ווי מ'זאָגט, אונטערן איינפלוס פון הובער'ן. דער אומשטאַנד קען ברענגען צו סורפּריזען ביי די וואַהלען, מ'גלויבט אָבער, אַז די אומצופרידענהייט פון די פאַרמערס וועט נישט האָבען קיין דעציזירענדע בעדייטונג אַקעגען דעם מעכטיגען ווילען פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע און פינאַנצען.

וואָס אַנבעלאַנגט דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק פון אַמעריקאַ, קען די וואַהל פון הובער'ן האָבען גאַנץ פּאָזיטיווע רעזולטאַטען. הובער איז אַ מענש מיט אַ פיל ברייטערען פערנעהם און האָריזאָנט פאַר קולידזש'ן, ער האָט פיל געבייזט, קען גוט אייראָפּע און די אייראָפּעאישע פערהעלטענישען (זיין נאָמען איז ענג פערבונדען מיט דער הילף פאַר די געליטענע און הונגער־ליידענדע אין אייראָפּע, בעת און נאָכ'ן קריג). איהם וואַרפט מען אַפילו פאָר, אַז לויט זיינע אייראָפּעאישע נייגונגען איז ער נישט קיין „הונדערט־פּראָצענטיגער אַמעריקאַנער“. פאַר אייראָפּע איז דאָס אַ מעלה: צווישען אַלע קאַנדידאַטען, וואָס יאָגען זיך נאָכ'ן פּרעזידענטען־שטוהל פון די פאַראייניגטע שטאַטען, איז הובער — פון אייראָפּעאישען שטאַנדפּונקט — דער בעסטער.

—ן.

אין קור־אָרט איוואָניטש

קאָרעספּאָנדענץ צום „נייעם פאָלקסבלאַט“.

איוואָניטש איז אַ פּריוואַטער גוט אין צפון־טייל פון די קאַרפּאַטען. דער גוט פון אַן'800 מאָרג לאַנד, מייסטענס בעדעקט מיט וואַלד, איז רייך אין מינעראַל־אוצרות. דאָ געפינען זיך פיל נאַפט־קוואַלען און הייל־קוואַלען וואָס זענען רייך מיט יאָר, בראָם אייזען א. א. וו. די נאַפט־קוואַלען זענען געפּאַכטעט דורך אַן'ענגלישער געזעלשאַפט, די הייל־קוואַלען ווערען עקספּלואַטירט דורך די אינהאַבער גופא — גראַף און גרעפין זאַלוסקי. די בעדער מיט די אַלע איינאָרדנונגען געפינען זיך 10 קילאָמעטער פון דער אייזענבאַהן־סטאַציע מיט'ן זעלבען נאָמען. די קאָמוניקאַציע ווערט דערהאַלטען דורך אויטאָס. דער קוראָרט איז שוין בעקאַנט זייט עטליכע צעהנדליגע יאָהר. בעת'ן קריג איז דאָ כמעט אַלץ חרוב געוואָרען און ערשט אין די לעצטע יאָהרען זיך אָנגעהויבען צוריק אויפצובויען און פערברייטערען. די פּאָפּולאַריטעט פון'ם קור־אָרט האַלט אין איין וואַקסען, און טראָץ דעם, וואָס סיי אינם „וואַקלאַר“ גופא, סיי אינם שטעטעל דערביי האַלט מען אין איין בויען וואוינונגען, וואָס זענען הויפּטזעכליך אויסגערעכענט אויף די קור־געסט, פעהלען אויס אין דער סעזאָן־צייט דירות.

אַרויסגעפאָהרען בין איך פון לאָדז 9 אין אָוונד, 5 אין דערפריה געווען אין קראָקא און צומאָרגענס אַרום 12 — אין איוואָניטש. 20 מינוט רייזע מיט אַן'אויטאָ, און מיר זענען שוין אין „איוואָניטש־זדרוי“. דעם ערשטען וויזיט מאַך איך דעם לייטער פון דער וואוינונגס־אָפּטיילונג, כ'האָב מיט קיין דירה זיך נישט בעזאָרגט פון פריהער אויס, איז טאַקי נישטאָ איצט פאַר מיר קיין צימער. אָבער דער לייטער האָט גרויס אַכטונג פאַר געסט פון קאָנגרעס־פּוילען — מ'זעהט זיי דאָ זעהר גערן — דערצו נאָך אַ פּרעסע־מענש, מ'שיקט מ'זוכט און ענדליך — געפונען, נראָר טאַקי איז עפּיס אַ קור־גאַסט (געזונט זאָל ער זיין!) אַרויסגעפאָהרען און אין אָוונט קען איך שוין פערנעהמען זיין צימער. הקיצור — כ'בין שוין צווישען די 800 גליקליכע, וואָס זענען איינגעאָרדנעט אין די צימערען פון'ם „זדרוי“. אָפּגעפערטיגט מיט דער וואוינונג, מאַך איך מיין צווייטען וויזיט צום ד"ר וואַלאַך, און דאַן — אַ וויזיט ביים דירעקטאָר. ער נעהמט מיך אויף ווי אַן'אַלטען בעקאַנטען, דערצעהלט וועגען זיינע נייע פּלענער, וועגען דעם נייעם „עקסצעלויאָר“, וואָס ער בויט מיט 200 צימערען און בעדער אויפ'ן אָרט, מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען א. א. וו. ער דערצעהלט מיר, אַז דאָ געפינט זיך רעדאַקטאָר צבי פּרילוצקי (ער קומט שוין דעם דריטען יאָהר נאָכאַנאַנד און דער דירעקטאָר, אַליין אַ וואַרשאָווער, זעהר אַ טיכטיגער פּילט זיך געשמייכעלט פון דעם).

אויף מאָרגען בין איך שוין אַ תושב, מיט אַ קור־טאַקסע, מיט אויסגעקויפטע בילעטען, כ'טרינק שוין וואַסער און נעם שוין בעדער. דאָס וועטער האָט צוגעשפּילט. ביז לעצטענס איז דאָ נישט געווען נאָך קיין איין שעהנער טאָג. פיל געסט צאָהלען פאַר די גערונגענע צימערען און קומען נאָך נישט צו פאָהרען — ס'איז קאַלט און ס'רעגענט. אָבער האָט זיך נאָר בעוויזען אַ שטראַהל זון און ס'האָבען אָנגעהויבען אָנקומען געסט פון אַלע זייטען.

די בעזוכער פון איוואָניטש מאַכען דעם איינדרוק, אַז זיי קומען אַהער זיך נישט היילען, ווי דאָס איז אין פיל קור־ערטער נאָר טאַקי ממש זיך היילען פיל זעהר פיל איז דאָ פערהאַן קינדער, זעלטען ווען מ'טרעפט אַ דאַמע אָהן אַ קינד, פאַרהאַן פיל ערטער, וואוהין צו געהן און צו פאָהרען אויף אויספלוגען.

איוואָניטש געפינט זיך אַן'ערך 400—450 מעטער איבער דער ים־אויבערפלעכע, אָבער ס'זענען דאָ פערהאַנען בערג ביז 2200 מעטער הויך. און ווי ס'האָט זיך נאָר בעוויזען די זון, האָט דער עולם אָנגעהויבען זיך אַרויסצורוקען פון רעפּסאַק.

דעם ערשטען בעזוך האָב איך געמאַכט אין „ב ע ל ק אָ ט נ ע“. דאָס איז אַן'אָרט וואָס ליגט גאַנץ הויך אין וואַלד, א באַסיין פון אַן'ערך 2 מעטער אויף 4 און אַ 6 מעטער טיף, אָנגעפילט מיט וואַסער. פון אַלע עקען שלאָגען זיך אַרויס אויף דער אויבערפלעך גאַזען. די „בעלקאָטשען“, און אַז מ'צינדט אָן מיט אַ זאַפּאַלקע די בעלקאָטקעס, ברענען זיי ווי שפּירט, אָדער ווי נאַפט. די גאַזען האָבען מיט אַ צייט פריהער געשטראָמט שטאַרקער; איצט ווען מ'האָט אין דער נאָהנט פערלעגט 4 נאַפט־גרובענס, וועלכע ווערען עקספּלואַטירט, איז דער גאַז־צופלוס געוואָרען אַ שוואַכערע. די „בעלקאָטקע“ האָט בעגייסטערט דעם פּוילישען דיכטער וויצענטי פּאָל און ער האָט אָנגעשריבען אַ לידעל, וואָס איז אויסגעהאַקט געוואָרען אויף אַ מאַרמאָר־טאַפעל און איינגעמויערט געוואָרען אין אַ ספּעציעלער ווענטעל, וואָס איז אויסגעמויערט דערביי.

נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ נאַפט־געזעלשאַפט, וואָס ציהט ראָפּע פון 4 נאַפט־קוואַלען. די נאַפט־ראָפּע ווערט דורך רעהרען איבערגעגאָסען אין רעזערוואואַרען אויף אַ 10 קילאָמעטער ווייט און דאָרט ווערט זי דיסטילירט. די גאַנצע געגענד אַרום איז פעטראָליזירט, איז טאַקע נישטאָ אין וואַלד קיין מיקען אין דער גאַנצער אומגעגענד אין די הייסעסטע טעג. און ס'איז טאַקי ממש אַ מחיה אין אַ הייסען טאָג אַריינצוכאַפּען זיך אין וואַלד און אָנזאַפּען זיך מיט אַ ביסעל פרישע לופט. די בעפעלקערונג אַרום איז זעהר אָרים, די ווירטשאַפטען ביי די פּויערים פּרימיטיוו און ברענגען וועניג הכנסה, די אַרבייטס־לוינען; זעהר נידריג. די הכנסה פון די קור־געסט פערנעהמט אַ גרויסען אָרט אינ'ם בודזשעט פון די אַרומיגע פּויערים. זיי ליזען אָפּ פאַר מילכאָרג, אייער, געפליגעל, נעמען איין פאַר די וואוינונגען, פערקויפען אויסאַרבייטונגען פון האָלץ, אַגב פערקויפען זיי עס אַלץ גאַנץ ביליג, נאָרנישט עהנליך צו קור־אָרט־פּרייזען. פאַרהאַן דאָ אויך אַ יודישע בעפעלקערונג די איז אָבער נישט קיין שטענדיגע. אַ גאַנץ יאָהר וואוינען דאָ 12—15 יודישע פאַמיליעס, אויף די זומער־חדשים קומען זיך צוזאַמען סוחרים פון דער אומגעגענד און וואוינען דאָ דעם גאַנצען קור־סעזאָן — פון מאַי ביז אָקטאָבער. קיין זעלבסטשטענדיגע יודישע קהלה איז דאָ נישטאָ. די יודען געהערען צו דער קהלה פון שטעטעל רוקלאָ ביי דער טשעכישער גרעניץ (בעת'ן וועלט־קריג זענען דאָרט פאָרגעקומען פערביטערטע שלאַכטען).

היינטיגעם יאָהר בויען די היגע יודען אַן'איינענע שוהל: אַ פּלאַץ און געהילץ האָט אויף דעם געגעבען די דירעקציע. די בעציהונג פון דער דירעקציע צו די יודען בכלל און צו די יודישע קור־געסט בפרט איז זעהר אַ גוטע און איז ווערט פערצייכענט צו ווערען.

ראָמאַן י.

דאס רעכט אויף ליבע

טראגישער גורל פון אן'ענגלישען דאקטאר

(א בריף פון לאנדאן)

„דער קאמף פאר'ן רעכט צו ליבען" — אזוי הייסט דער ארטיקעל אין דער סענסאציאנעלער לאנדאנער צייטונג „דיילי עקספרעס". דער פאקט, וועגען וועלכען די צייטונג דערצעהלט, איז זעהר אינטערעסאנט פאר דעם זיטען־שטייגער אין ענגלאנד.

די זאך קומט פאר אין בעקענהיים, א פערימעגליך שטעדטעל, וואס ליגט טעארעטיש א קילאמעטער 10 פון לאנדאן, פאקטיש האט זיך עס שוין צוזויפגעגאסען מיט דער קאלאסאלער מעטראפאליע. דער בעאמטער און גוטבעזיצער הערסט האט ,זוכענדיג אין שרייבטיש פון זיין פרוי, ווען יענע איז געווען אין דער שווייץ, געפונען א ליבעס־בריף, אונטערגעשריבען דורכ'ן אנגעזעהענעם כירורג סטריקלענד, וועלכער האט א גלענצענדע פראקטיק אין בעקענהעם און לאנדאן.

דער בריף האט נאר אויסגעדריקט גרויס צארטקייט צו דער פרוי הערסט, אבער מעהר גארנישט. לויט דעם ראזיגען בריף קאן מען לחלוטין נישט אננעהמען, אז די צארטקייט איז געגאנגען ווייטער, ווי אויף ווערטער. אלס מענש, וואס קען דאס געזעץ, האט הערסט פערשטאנען, אז אזא בריף איז נאך אין די אויגען פון געריכט קיין בעווייז נישט, ווי ס'האט זיך דערנאך ארויסגעשטעלט, איז פרוי הערסט געווען בעקאנט מיט ד"ר סטריקלענד שוין פיל יאהרען, זיי זענען געווען בעפריינדעט און האבען אפען אנגערופען איינער דעם אנדערען ביים נאמען. אויפ'ן קאנטינענט וואלט אן'אומפארזיכטיגער מאן פון דעם קלאס, צו וועלכען עס געהערט הערסט, אפשר ארויסגערופען דעם דאקטאר אויף א דועל. אבער הערסט האט געשטרעבט בלויז נקמה צו נעהמען. און ער האט זיך געווענדעט מיט אן'אנקלאגע צום הויפט־מעדיצינישען ראט אין לאנדאן. דער דאזיגער ראט גיט ארויס דיפלאמען און ער היט אויך אפ די קארפאראטיווע עטיק ביי די דאקטוירים.

אויף דער זיצונג פון ראט האט זיך ארויסגעוויזען, אז סטריקלענד איז בעקאנט פון דער בעסטער זייט. דאס איז אן'אויפגעהענגער מעדיצינישער שטערן און א חוץ דעם איז ער זעהר א געוויסענהאפטער און אומבעפלעקטער דאקטאר, דער בעריהמטער ענגלישער כירורג סער הערבערט אוסטערהויז האט עדות געזאגט, אז ער קען נאהענט סטריקלענד'ן שוין פיל יאהרען און אז ער קאן וועגען איהם זאגען בלויז גוטעס. סטריקלענד איז א גלענצענדער כירורג און א חוץ דעם אן'עהרליכער מענש, א רושענטעלמען אין אלע הינזיכטען. סטריקלענד האט קאטעגאריש ערקלערט, אז ר'איז נישט געווען אינטים בעקאנט מיט פרוי הערסט, וועלכע ער האט אין געהיים קיינמאל נישט בעזוכט.

— פארוואס האט איהר אנגעשריבען דעם בריף? — האט געפרעגט דער פארזיצער פון מעדיצינישען ראט.

— וויל איך ליב די פרוי העכסט, — האט געענטפערט פשוט דער „שולדיגער". סטריקלענד האט ווייטער ערקלערט, אז דער געפונענער בריף איז דער איינציגער. ער האט קיינמאל מיט פרוי הערסט נישט קארעספאנדירט.

— קאן מען דען עמיצען פערווערען צו ליבען? — האט געשטעלט א פראגע דער אדוואַקאט, וועלכער האט פערטיידיגט דעם ד"ר סטריקלענד.

אבער דער הויפט־מעדיצינישער ראט האט איינגעפונען, אז מ'קאן פערווערען צו ליבען: ער האט בעשלאסען צוצונעהמען ביים דאקטאר סטריקלענד דעם דיפלאם. אין ענגלאנד בעדייט דאס נישט נאר א פעראורטיילונג אויף נויט און דלות, נאר א שאנדפלעק אויפ'ן גאנצען לעבען. א דאקטאר אדער אן'אדוואקאט, ביי וועלכע מ'האט צוגענומען דעם דיפלאם, אדער וועלכע זענען — לויט דער ענגלישער טערמינאלאגיע — „אויסגעשטראכען פון די רשימות", מעגען זיך בעצייטענס בעזארגען מיט א שטריק אדער מיט א רעוואלווער, די סאציאלע לאגע פון די מענשען איז ליקווידירט.

„דער בעשלוס פון הויפט־מעדיצינישען ראט בעדייט א פולשטענדיגע רואין פאר מיר און פאר מיין פאמיליע, — האט ערקלערט ד"ר סטריקלענד.

— דער דאזיגער בעשלוס איז פאר מיר א שאנד־פלעק. איך קאן אפילו נישט אפעלירען, ווייל דער בעשלוס איז אן'ענטגילטיגער. א מערדער אדער רויבער קאן זיך ווענדען צו א העכערער אינסטאנץ. זיי איז ערלויבט צו שטעלען נייע עדות, איך קאן דאס נישט טון, אפילו דער קעניג אליין איז אוממעכטיג עפעס צו טון פאר מיר".

דאקטאר סטריקלענד ליייקענט נישט, אז ר'האט געליבט די פרוי הערסט, ער בעהויפט אבער קאטעגאריש, אז קיין אינטימע בעציהונגען זענען צווישען זיי נישט געווען. „מיר קענען זיך שוין 14 יאהר, מיר זענען שכנים. אונזערע קינדער האבען שטענדיג געשפילט צוזאמען. מיסטער הערסט און זיין פרוי האבען אפט בעזוכט אונזער הויז. מיר האבבען זיך אפען גערופען ביי די נעמען. און נאר אין יאהר 1927, — ערקלערט ד"ר סטריקלענד, — ווען כ'בין זיך צוגאנגען מיט מיין פרוי האב איך בעמערקט, אז איך ליב די פרוי הערסט. איך האב זיך אויך איבערצייגט, אז פרוי הערסט ליבט מיך, צווישען אונז איז קיינמאל נישט געווען קיין זאך, וואס זאל קאנען פעראורטיילט ווערען, מיר זענען געווען נאר צארטע פריינד".

דאקטאר סטריקלענד בעקלאגט זיך דערויף, אז דער הויפט־מעדיצינישער ראט האט זיך בעגנוגענט בלויז מיט דעם ליבעס־בריף אלס ענטגילטיגער בעווייז, כדי ביי איהם אפצונעהמען דעם דיפלאם. איהם, דעם בעשולדיגטען, האט מען אפילו נישט ערלויבט ארויסצורופען אלע עדות. לויט דער מיינונג פון סטריקלענד'ן איז עס נישט די זאך פון ראט צו בעשולדיגען א דאקטאר נאר דערפאר, וואס ער ליבט א פרעמדע פרוי.

איצט לאמיר הערען, וואס עס זאגט דער גענעראל־ראט. ער ערקלערט, אז זיין הויב איז אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט אפצורהיטען די קארפאראטיווע עטיק פון די דאקטוירים. א דאקטאר טרויט מען אן זעהר פיל. דער דאזיגער צוטרוי צום דאקטאר קאן אונטערגעהאלטען ווערען אין דער געזעלשאפט נאר אין דעם פאל, אויב ס'וועט זיין די זיכערקייט, אז פאר'ן דאקטאר עקזיסטירט נישט די פאציענטקע אלס פרוי. א דאקטאר, וועלכער נוצט אויס זיין — אויסנאהמליכע לאגע, כדי זיך צו דערנעהנטערען מיט דער פאציענטקע, פערלירט די קארפאראטיווע עטיק, און ער דארף דערפאר ווערען שטרענג בעשטראפט, דער הויפט־מעדיצינישער ראט בעזיצט נאר איין אופן פון שטראף: ער קאן צונעהמען דעם דיפלאם, אזוי האט ער טאקע געטון אין פאל פון ד"ר סטריקלענד. אויב דער ראט האט געהאנדעלט ריקזיכטסלאז — האט ער עס געטון אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט. אזוי זאגען די שטרענגע ריכטער.

טעארעטיש איז דער ראט אפשר גערעכט. אבער וויפיל דאקטוירים וואלטען אין ענגלאנד און אויפ'ן קאנטינענט פערלוירען די דיפלאמען, ווען די טעאריע וואלט פערווירקליכט געווארען אין דער פראקטיק. 25 פראצענט פון די פראנצויזישע דאקטוירים וואלטען מסתם תיכף פערוואנדעלט געווארען אין דעקלאסירטע פראלעטאריער.

דאקטאר סטריקלענד לייקענט קאטעגאריש, אז פרוי הערסט איז געווען זיין פאציענטקע, נאך מעדיצינישע עצות פלעגט זי זיך ווענדען צו סטריקלענד'ס קאמפאניאן, מיט וועלכען ער פראקטיצירט צוזאמען. אזוי ארום פאלט אפ דער היכסטער מאטיוו פון צונעהמען דעם דיפלאם. אין שוץ פון דאקטאר סטריקלענד איז איצט אויך ארויסגעטראטען פרוי הערסט, זי איז גרייט צו געהן אין געריכט און אויסהאלטען דארט א קרייץ־פערהער. פרוי הערסט זאגט, אז צווישען איהר און ד"ר סטריקלענד איז גארנישט פארגעקומען. „פארוואס זאל מען רואינירען און אומברענגען א סאלאנטפולען מענשען נאר דערפאר, ווייל ער האט דערפיהלט א ליבשאפט? פרעגט זי,— צווישען אונז איז געווען בלויז א פריינדשאפט, צי דארף מען צוליב דעם צוקלאפען דאס לעבען פון אן'אנגעזעהענעם כירורג, שענדען איהם און צונעהמען די מעגליכקייט צו לעבען?"

מאקאלעי האט אמאל געשריבען, אז די ענגלישע געזעלשאפט, וועלכע קוקט בכלל דורך די פינגער אויף א סך חטאים, ווערט פעריאדיש ארומגעכאפט דורך אנפאלען פון צניעות, וועלכע לאזען זיך אויס אויף די קעפ פון צום ווייניגסטען שולדיגע. די געזעלשאפט שרייט דעמאלט, לארמעט, הויבט די הענד צום הימעל — מ'קאן מיינען, אז זייט יאהרהונדערטער איז אין ענגלאנד נישט געווען אזא בעל־עבירה'ניק.

די געזעלשאפט בערוהיגט זיך ערשט דעמאלט, ווען דער בעל־עבירה, איז רואינירט, אריינגעווארפען אין בלאטע און אויסגעשלאסען פון דער אנשטענדיגער סביבה. דאן הויבט די געזעלשאפט ווידער אן צו־קוקען דורך די פינגער אויף די אייגענע און פרעמדע חטאים — ביז צום נאהענטסטען אנפאל.

די דאזיגע ווערטער פון מאקאלעי'ען קומען נישטאיינמאל אויפ'ן געדאנק ביים אבסערווירען דאס לעבען אין ענגלאנד. און די ווערטער דערמאהנט מען זיך אויך איצט.

דיאנעא.

וואס האט דער יודישער אקטיאר צו דערצעהלען?

עפיזאדען, אנעקדאטען, וויצען פון אקטיארען וועגען אקטיארען און וועגען ליבען פובליקום

געזאמעלט און בעארבייט — דורך זלמן זילבערצווייג

געשריבען ספעציעל פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט"

7. וואו די יודען זענען.

איינע פון די היינטיג בעליבטסטע יודישע שוישפילערינס איז די סוברעטין מאלי פיקאן.

איינע פון די גרעסטע יודישע שוישפילערינס איז בערטא קאליש. מיט יאהרען צוריק איז זי געווען די קרוין פון דער יודישער ביהנע אין אמעריקא. דאמאלט האט זי געהאט א ריזיגע צאהל פערערער, אבער שוין יאהרען־לאנג ווי זי שפילט אויף דער ענגלישער ביהנע, און דאס יודישע טעאטער־פובליקום האט זי איינציגוויין פערגעסען.

מיט א יאהר צוריק האט זי זיך פלוצלינג מישב געווען, און ווידער אנגעהויבען שפילען אויף דער יודישער ביהנע. פערשטעהט זיך אבער, אז זי ציהט שוין מעהר נישט צו אזוי דאס יודישע טעאטער־פובליקום ווי אמאל.

שפילט אזוי מאדאם קאליש אין האפקינסאן־טעאטער אין בראנזוויל, דער עכט יודישער שטאטטייל פון ניו־יארק, און נאך דער פארשטעלונג טרעט זי ארויס מיט אזא ספיטש:

— „ליבעס פובליקום, איך בין גליקליך צו שפילען פאר אייך. איך בין גליקליך צו זעהען יודען, איך בין שטאלץ וואס איך בין א קינד פון יודישען פאלק. איך געדענק נאך ווי מיט 30 יאהר צוריק האבען דא ציגען שפאצירט, און היינט איז דא א גרויסע יודישע שטאט, מיט א גרויס און פיין יודיש טעאטער, מיט א גרויס יודיש פובליקום."

אבער דא גיט די שוישפילערין א קיק אריין אין טעאטער, און דערזעהט, אז עס איז פערהאן א זעהר קליין פובליקום, און זי פערענדיגט, ווי איהר שטייגער, מיט פאטאס: — „אבער וואו זענען זיי, מיינע יודען?"

שטעלט זיך אויף א זאאיקעוועט יודעל אין דער ערשטער רייהע און ענטפערט איהר:

— ווזיי ווזענען גגנעגגאנגגען ווזעהען מממאלי פפיקקאן...

8. פאר עצות בין איך פערזארגט

דער בעקאנטער יודישער היסטאריקער ד"ר פיליפסאן דערצעהלט אין זיינעם א בוך פאלגענדיגען זעהר כאראקטעריסטישען עפיזאד:

אין בערלין האט א יודישע טרופע אויפגעפיהרט שעקספירס „האמלעט" אויף יודיש.

אין דער סצענע ווען דער פרינץ האמלעט בעגעגענט זיך מיט אפעליאן, איז פערהאן א מאמענט ווען ער זאגט צו איהר:

— און איצט, אפעליא, געה אין קלויסטער!

לויט'ן טעקסט דארף אפעליא זיך דערשרעקען, אז דער פרינץ האמלעט איז גייסטיג קראנק, און זי דארף זיך ווענדען מיט א תפלה צו גאט, אז ער זאל בעשיצען דעם פרינץ, אבער אונזער אפעליא האט זיך געהאט איהר איינענעם טעקסט, און באלד ווי דער פרינץ האמלעט האט איהר געזאגט:

— און איצט, אפעליא, געה אין קלויסטער!

האט איהם אפעליא געענטפערט:

— פאר עצות, פרינץ, בין איך פערזארגט.

9. רעדט אנשטענדיגער

אין דעם עקספערימענטען־טעאטער, וואס א גרופע יודישע שרייבער און טעאטער־עסקנים האבען געגרינדעט אין ניו־יארק, האט מען אויפגעפיהרט פרץ הירשביינס פיעסע „שרים ווייסען וואס", געהט זיך צו צו דער קאסע א פרוי, און נעהמט א בילעט. אוועקגעהענדיג פרעגט זי דרך־אגב דעם קאסירער, וואס מען שפילט.

יענער ענטפערט איהר רוהיג:

— „שרים ווייסען וואס".

די פרוי פרעגט נאך אמאל איבער, אבער שוין בעליידיגט און אויפגערעגט:

— וואס שפילט מען?

דער קאסירער אריענטירט זיך נישט, אז די דאמע ווייסט נישט, אז עס איז פערהאן א פיעסע מיט אזא נאמען, און ער ענטפערט ווידער, אבער שוין מיט א העכערן טאן:

— „שרים ווייסען וואס".

דא איז שוין די דאמע געווארען גאר אויפגערעגט, און זי רופט אויס:

— איך קויף א טיקעט (בילעט), איך בין אייערער א קאסטאמער (בעזוכער), און אז מען פרעגט אייך, וואס איהר שפילט, מעגט איהר ענטפערן אביסעל אנשטענדיגער!...

10. די חסידים פון „דבוק".

ווען א טרופע פאהרט ארויס אויף דער פראווינץ לוינט איהר נישט מיטצופיהרען סטאטיסטען. געוועהנליך זענען שוין אין יעדער שטאט פערהאן אזעלכע יונגעלייט, וואס שפילען די סטאטיסטען־ראלען, און דער רעזשיסער זאגט זיי נאר פריהער, וואס זיי האבען צו טון.

אריינקומענדיג אמאל אין א פראווינץ־שטאט צו שפילען דעם „דבוק", האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די סטאטיסטען פון יענעם טעאטער זענען נישט קיין יודען, נאר אירלענדער.

מאריס שווארץ, וואס איז געווען דער דירעקטאר און רעזשיסער פון דער טרופע, און האט געשפילט אין „דבוק" דעם „צדיק", האט מיט די אירלענדער איינשטודירט, אז ווען ער וועט אפזאגען דעם מאנאלאג „אין דער גאנצער וועלט", און ער וועט געבען א צייכען מיט דער האנד, זאלען זיי ווי חסידים זאגען: „אז הא!"

האבען דאך אבער די אירלענדער גוי'שע קעפ, און ווען שווארץ האט אפגעזאגט דעם גאנצען מאנאלאג, און געגעבען א צייכען מיט דער האנד, זענען זיי געווארען צוטומעלט, און אלע ווי איינער האבען זיי געגעבען א געשריי אויס אויף ענגליש:

— „ראטס רייט"! (גערעכט).

ק

11. מען פאהרט דאך נישט גנבענען.

דער אלטער יעקב פ. אדלער פלעגט דערצעהלען פאלגענדיגען עפיזאד:

ווען מען האט פערווערט דאס יודישע טעאטער אין רוסלאנד, האט זיך דער עולם אקטיארען געלאזט איבער דער וועלט. איינמאל זענען עטליכע אקטיארען אזוי געזעסען אין א רעסטאראן, און אפגעהאלטען א בעראטונג אויב עס וואלט נישט געווען א פלאן צו פאהרען קיין לאנדאן.

צווישען די געסט אין רעסטאראן איז גראד געווען איינער, וואס איז נאר וואס געקומען פון לאנדאן, דערהערט, אז די יודישע אקטיארען ווילען אהינפאהרען, האט ער זיי אנגעהויבען שילדערן לאנדאן, און אזוי דערענדיג האט ער זיי דערצעהלט, אז אין ענגלאנד פיהרט מען זיך זעהר שטרענג אויף מיט גנבים, און פאר דער קלענסטער גנבה בעשטראפט מען מיט הרשום לאנגע ארעסט.

דא שטעלט זיך אויף איינער פון די אקטיארען, און רופט זיך אן זעהר ערנסט:

— וואס מיינט איהר, מיר פאהרען קיין לאנדאן גנב'ענען, אז עס וועט זיך מאכען עפעס אונטער דער האנד, איז עפעס אנדערש, אבער גנב'ענען, ווער פאהרט עס אהין?

—:0:—

ערשטער יודישער לאנדעס־צוזאמענפאהר פון „טאז" אין פוילען

אויפרוף צו דאקטוירים.

דעם 24 און 25 יוני ה. י. וועט פארקומען אין ווארשע דער ערשטער לאנדעס־דאקטוירים־צוזאמענפאהר פון „טאז", געווידמעט די פראגען פון געזעלשאפטליכער מעדיצין און היגיענע ביי יודען. צו די בעראטונגען פון צוזאמענפאהר איז געמעלדען געווארען 48 רעפעראטען, און פון 56 ערטער אין לאנד האבען דאקטוירים געמעלדען זייער אנטייל אין צוזאמענפאהר.—

די געזעלשאפט צו פערהיטען דאס געזונט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען „טאז" האט גענומען אויף זיך די איניציאטיוו פון צוזאמענרופען דעם דאזיגען צוזאמענפאהר און וארגט, דאס דער צוזאמענפאהר זאל סיי אין פרט פון ארגאניזאציע סיי וויסענשאפטליך, שטעהן אויף א געהעריגער הויך.

עס איז אונזער חוב צו העלפען דעם „טאז" אין דער דאזיגער וועהר וויכטיגער איניציאטיוו דורך אונזער גרויסען אנטייל און אקטיווער מיטארבייט אין די בעראטונגען פון צוזאמענפאהר.

מיר צווייפלען נישט, דאס די געעהרטע קאלעגען וועלען, געבען זייער וואכיגע הילף דעם צוזאמענפאהר, וועלען איהם מאסענהאפט בעזוכען, און וועלען צוהעלפען, דאס ער זאל ווערען א וויכטיגער מאמענט אין דער פערפעסטיגונג און ענטוויקלונג פון דער געזונדהייטס־ארבייט צווישען יודען אין פוילען.

ארגאניזיר־קאמיטעט פון צוזאמענפאהר

ד"ר ס. גאלדפלאם, ד"ר י. שוימער, ד"ר ברעגמאן, ד"ר ז. ביכאווסקי, ד"ר א. פארלאוויטשיק, ד"ר מ. גאנץ, ד"ר ה. הינער, ד"ר ג. לעווין, ד"ר י. פשערבאוסקי ד"ר ל. וואלמאן.

„ELEKTRON"
ŁÓDŹ, SIENKIEWICZA 39
TELEFON 24-47
SPRZEDAŻ MATERJAŁÓW ELEKTROTECHNICZNYCH
SPECJALNY DZIAŁ RADJOWY
HURT DETAL

Krynica.
Dr. MIKOŁAJ BORNSTEIN
פראקטיצירט דעם גאנצען קור־סעזאן אין דער ווילע „Paryżanka" קראשעווסקא־גאס

לאָדז, 22-טן יוני 1928

נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 22-טן יוני 1928

צוויי הונדערט מיליאָן ביכער

פון צבי־ון

צוויי הונדערט מיליאָן געבונדענע ביכער פאַר דעם פּרייז פון צוויי הונדערט פופציג מיליאָן דאָלאַר זענען פערקויפט געוואָרען אין אַמעריקאַ אין דעם פאָריגען יאָהר — אַזוי איז בעריכטעט געוואָרען אויף דער יעהרליכער קאָנחענשאָן פון דעם אַמעריקאַנער ביכער הענדלער־פעראיין, וואָס איז די טעג אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אַטלאַנטיק סיטי.

דאָס איז אַ ריזיגע צאָהל.

אמת, כדי ריכטיג צו אורטיילען וועגען דער גרויס פון דער צאָהל דאַרף מען האָבען פערגלייך־צאָהלען פון אַנדערע לענדער. מען דאַרף, למשל, וויסען וויפיל ביכער עס זענען פאָריגען יאָהר פערקויפט געוואָרען אין ענגלאַנד, אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער. און ווען מיר וויסען עס, און ווען מיר נעהמען אין בעטראַכט די גרויס פון דער בעפעלקערונג אין יעדען לאַנד, קענען מיר דאַן פערגלייכען און זאָגען, אויב די צאָהל ביכער, וואָס איז אין אַמעריקאַ פערקויפט געוואָרען פאָריגען יאָהר איז ווירקליך אַזאַ גרויסע ווי זי זעהט אויס. אָדער נישט, ווען מיר וואָלען, זיך למשל, דערוויסען, אַז אין פראַנקרייך זענען פאָריגען יאָהר פערקויפט געוואָרען 150 מיליאָן ביכער, דאַן וואָלטען מיר זאָגען, אַז די צאָהל 200 מיליאָן איז פאַר אַמעריקאַ אַ גאַנץ קליינע, ווייל די בעפעלקערונג פון אַמעריקאַ איז אומגעפער דריי מאָל אַזוי גרויס ווי פון פראַנקרייך. און אויב אין פראַנקרייך האָט מען פערקויפט 150 מיליאָן ביכער, האָט מען אין אַמעריקאַ געדאַרפט פערקויפען דריי מאָל אַזוי פיל — 450 מיליאָן.

אָבער איך ווייס גראָד נישט אין דעם איצטיגען מאָמענט, וויפיל ביכער עס זענען פערקויפט געוואָרען אין אַנדערע לענדער פאָריגען יאָהר און איך נעהם דעריבער אָן, אַז די צאָהל 200 מיליאָן איז זעהר אַ גרויסע. אַלענפאַלס וואָלט איך געווען מעהר ווי צופרידען. ווען די יודישע לעזער אין אַמעריקאַ וואָלטען געקויפט יודישע ביכער אין דער זעלביגער פּראָפּאָרציע, ווי די ענגלישע לעזער אין אַמעריקאַ קויפען ענגלישע ביכער.

איך נעהם אָן, אַז אין אַמעריקאַ זענען פערהאַן אַרום אַנדערטהאַלבען מיליאָן יודען, וואָס לייענען יודיש. טאָמער וועט זיך איינער מיט מיר וועלען דינגען בין איך גרייט זיך צו לאָזען האַנדלען און צולייגען אַ הונדערט טויזענד אָדער אַראָפּלאָזען אַ הונדערט טויזענד, אָפּהענגיג דערפון, אויב דער, וואָס וויל זיך דינגען, איז בנוגע צו יודיש אין אַמעריקאַ אַ שוואַרץ־זעהער, אָדער אַ רויז־זעהער. נאָר כדי צו זיין מעהר זיכער, וועל איך אָננעהמען אַז עס זענען פערהאַן בלויז אַ מיליאָן יודישע לעזער אין אַמעריקאַ. און ווען אָט דער מיליאָן יודישע לעזער אין אַמעריקאַ וואָלט געקויפט יודישע ביכער לויט דער פּראָפּאָרציע, ווי די ענגלישע לעזער אין אַמעריקאַ קויפען ענגלישע ביכער, וואָלט מען ראַ־ חענינסטענס געדאַרפט פערקויפען פאָריגען יאָהר צוויי און אַ האַלב מיליאָן יודישע ביכער אין אַמעריקאַ. אויב איינער פערלאַנגט אַ גענויעם חשבון, ווי אַזוי איך האָב עס אויסגערעכענט, בין איך איהם גרייט עס צוצושיקען. אָבער וואָס איז דער אונטערשיד, אויב דער חשבון איז אַ גענויער, אָדער נישט, ווען איך בין זיכער, אַז מען האָט אין אַמעריקאַ פאָריגען יאָהר נישט פערקויפט אַפילו אַ העלפט פון צוויי און אַ האַלב מיליאָן יודישע ביכער. מען האָט נישט פערקויפט אַפילו אַ פערטעל דערפון.

אמת, איך ווייס נישט וויפיל מען האָט פערקויפט. מען פיהרט ביי אונז נישט קיין סטאַטיסטיק וועגען דער צאָהל יודישע ביכער, וואָס ווערען פערקויפט. מיר האָבען אַפילו נישט קיין סטאַטיסטיק וועגען דער צאָהל יודישע ביכער, וואָס ווערען געדרוקט און אויב עס איז נישט שווער אויפצוצעהלען די נעמען פון די נייע יודישע ביכער, וואָס ווערען דאָ יעדען יאָהר געדרוקט, איז עס שוין אָבער גאַנץ שווער צו וויסען אין וויפיל עקזעמפּליאַרען זיי זענען געדרוקט געוואָרען און פערקויפט געוואָרען. אָבער עס איז נישט נויטיג צו האָבען אַ סטאַטיסטיק צו וויסען, אַז מען האָט פאָריגען יאָהר נישט פערקויפט קיין מיליאָן יודישע ביכער. אונזערע יודישע ביכער־פערקויפער אין אַמעריקאַ וואָלטען גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהען, ווען זיי וואָלטען אַפילו פערקויפט טויזענד ווייניגער, ווי אַ מיליאָן יודישע ביכער אַ יאָהר.

אָבער דאָס איז בלויז אַזוי זיך, פערבייגעהענדיג, ווי מען זאָגט. איך רייד דאָ נישט וועגען יודישע ביכער, נאָר וועגען ענגלישע ביכער. נישט מעהר, ווען מען רעדט וועגען ביכער איז עס נאַטירליך, אַז מען זאָל זיך דערמאָהנען וועגען יודישע ביכער און געבען אַ קרעכץ.

אמת, אונזערע עכטע, הונדערט פּראָצענטיגע יודישיסטען מיינען, אַז מען טאָר נישט קרעכצען. מען טאָר נישט ווייזען קיין רחמנות פנים, ווען מען רעדט וועגען יודישע ביכער און וועגען דער יודישער ליטעראַטור. מ'טאָר נישט שאַפען אַן איינדרוק, אַז עפּעס איז ביי אונז יודיש נישט מיט אַלעמען. מען טאָר דעריבער נישט זאָגען, אַז אונזער יודישע ליטעראַטור איז אַן אָרימע, אַז יודישע ביכער פערקויפען זיך וועניג און אַז עס האָט אין אַלגעמיין געמענט זיין בעסער ווי עס איז. מילא, וועל איך פאָלגען און וועל נישט קרעכצען, נאָר איך וועל זיך אומקעהרען צו די צוויי הונדערט מיליאָן ביכער, וואָס זענען פאָריגען יאָהר פערקויפט געוואָרען אין אַמעריקאַ.

צוויי הונדערט מיליאָן איז זעהר אַ גרויסע צאָהל, איך וואָלט זאָגען אַ ריזיגע צאָהל. נאָר וואָס דערצעהלט עס אונז?

דער בעריכט, וואָס דערצעהלט אונז וועגען די צוויי הונדערט מיליאָן ביכער, וואָס זענען פערקויפט געוואָרען פאָריגען יאָהר, דערצעהלט אונז אויך, אַז אין פאָריגען יאָהר זענען פערקויפט געוואָרען צוויי מאָל אַזוי פיל ביכער, ווי מיט צעהן יאָהר צוריק. עס הייסט, אַז מיר האָבען דאָ אין אַמעריקאַ זעהר שטאַרק פּראָגרעסירט אין דעם פערקויף פון ביכער, און געוויס איז עס זעהר אַ גוטער סימן, וואָס די נאָכפראַגע אויף ביכער איז אַזוי געוואַקסען אין אַמעריקאַ. דאָס בעווייזט, אַז מען לערענט מעהר אין אַמעריקאַ און מען לייענט מעהר.

נאָר די צאָהל ביכער אַליין, וואָס מען פערקויפט אין אַמעריקאַ, זאָגט אונז נאָך וועניג. עס וואָלט געווען וויכטיג צו וויסען, וואָס פאַר אַ מין ביכער דאָס זענען געווען, וועלכע מען האָט פאָריגען יאָהר פערקויפט אין אַזאַ גרויסע צאָהל.

נו, אַ גאַנץ בעדייטענדער טייל פון די צוויי הונדערט מיליאָן ביכער זענען געווען שול־ביכער און טעקסט־ביכער, עס הייסט ביכער, וואָס ווערען בענוצט אין די פאָלקס־שולען, אין די קאָלעדזשעס (גימנאַזיעס) און אוניווערזיטעטען. די דאָזיגע ביכער זענען געווען נוצליכע. עס קען בלויז זיין אַ פראַגע, צי זיי האָבען נישט געקענט זיין בעסער ווי זיי זענען. די קינדער אין די פאָלקס־שולען מוזען דאָך האָבען ביכער פון וואָס צו לערנען, און די סטודענטען מוזען דאָך האָבען ביכער פון וואָס צו שטודירען. און די צאָהל לעהר־ביכער איז אין די לעצטע יאָהרען אין אַמעריקאַ גאַנץ גרויס געוואַקסען. די אַמעריקאַנער הויך־שולען זענען איצט פּאַק און פול מיט סטודענטען, און אין אַ סך אוניווערזיטעטען איז איינפאַך מעהר קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר דער גרויסער צאָהל סטודענטען, וואָס ווילען אין זיי אַנקומען. און מיט דעם גרויסען וואוקס פון דער צאָהל פון דער שטודירענדער יוגענד איז אויך גרויס געוואַקסען די צאָהל לעהר־ביכער, וואָס ווערען איצט פערקויפט אין אַמעריקאַ. עס האָט דערביי אויך געמוזט זעהר גרויס וואַקסען דער פערקויף פון פּראָפעסיאָנעלע און ספּעציעל וויסענשאַפטליכע ביכער, ווייל עס איז דאָך שטאַרק געוואַקסען די צאָהל פון פּראָפעסיאָנעלע און וויסענשאַפטס־מענשען. עס זענען היינט פערהאַן אַ סך מעהר דאָקטוירים, אינזשינערען, דענטיסטען, אַדוואָקאַטען, כעמיקער, פיזיקער, לעהרער א. אַז. וו.

עס הייסט, אַז אַ גאַנץ גרויסער טייל פון די צוויי הונדערט מיליאָן ביכער, וואָס זענען פערקויפט געוואָרען פאָריגען יאָהר אין אַמעריקאַ איז געקויפט געוואָרען פון די פאָלקס־שולען, ביבליאָטעקען, סטודענטען און ספּעציאַליסטען. וואָס זענען אָבער געווען די איבעריגע ביכער פון די צוויי הונדערט מיליאָן, וואָס זענען פאָריגען יאָהר פערקויפט געוואָרען? ליידער ווערט אין דעם בעריכט וועגען דעם גאָרנישט געזאָגט, ווענינסטענס נישט אין דעם בעריכט, וועלכען איך האָב געלייענט. עס קען זיין, אַז די צייטונג, אין וועלכער איך האָב דעם בעריכט געלייענט, האָט געהאַלטען פאַר נישט וויכטיג איבערצוגעבען איינצעלהייטען וועגען די צוויי הונדערט מיליאָן פערקויפטע ביכער, און עס קען זיין, אַז עס זענען טאַקע קיין איינצעלהייטען פון דעם בעריכט־אָפּגעבער נישט אָנגעגעבען געוואָרען. נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זיין, דערווייל ווייסען מיר נישט, וואָס דאָס זענען געווען פאַר אַ ביכער, וועלכע מען האָט פערקויפט אין אַזאַ גרויסער צאָהל.

אַ שטיקעל טרייסט פאַר די פערקויפער פון יודישע ביכער אין אַמעריקאַ. מיין חשבון וועגען דער צאָהל יודישע ביכער, וואָס האָבען זיך געדאַרפט פערקויפען אין אַמעריקאַ, לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער צאָהל ענגלישע ביכער, וואָס ווערען פערקויפט, איז געווען נישט קיין ריכטיגער. איך האָב פון די ענגלישע ביכער געדאַרפט אַראָפּרעכענען די לעהר־ביכער און פּראָפעסיאָנעלע ביכער. דרוקט מען דאָך פאָרלויפיג נישט אין אַמעריקאַ קיין יודישע לעהר־ביכער פאַר סטודענטען פון אוניווערזיטעטען און מען דרוקט אויך נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע ביכער אויף יודיש פאַר דאָקטוירים, אינזשינערען, כעמיקער, א. אַז. וו. נאָר וואָס פאַר אַ חשבון מען זאָל נישט מאַכען, וויפיל מען זאָל נישט אַראָפּרעכענען און רעדוצירען וועט עס אַלץ נישט טויגען.

און ווען איך האַלט שוין ווידער אַמאָל ביים יודישען בוך, וועל איך שוין מאַכען נאָך אַ פערגלייך. אין אַמעריקאַ ווערען אין די לעצטע יאָהרען אַרויסגעגעבען אומגעפעהר צעהן טויזענד נייע ביכער אַ יאָהר. אָננעהמענדיג, ווי פריהער, אַז אין אַמעריקאַ זענען פערהאַן אַ מיליאָן יודען, וואָס לייענען יודיש, האָט אין אַמעריקאַ געדאַרפט אַרויסגעהן, לויט דער פּראָפּאָרציע פון ענגלישע ביכער, אומגעפעהר הונדערט נייע יודישע ביכער אַ יאָהר. נאָר דער חשבון איז ווידער אַמאָל נישט אינגאַנצען ריכטיג. אין די צעהן טויזענד נייע ענגלישע ביכער וואָס ווערען אַרויסגעגעבען אין אַמעריקאַ יעדען יאָהר, פערנעהמען נייע לעהר־ביכער און ספּעציעל וויסענשאַפטליכע און פּראָפעסיאָנעלע ביכער אַ בעדייטענדען פּלאַץ. איך וועל דעריבער מאַכען אַ שטריך אין חשבון און זאָגען, אַז לויט דער פּראָפּאָרציע פון נייע ענגלישע ביכער, וואָס ווערען אַרויסגעגעבען יעדען יאָהר, האָט ווענינסטענס געדאַרפט אַרויסגעגעבען ווערען אין אַמעריקאַ זעכציג נייע יודישע ביכער אַ יאָהר. איך צווייפעל אָבער גאַנץ שטאַרק, אויב עס איז אין דעם פאָריגען יאָהר אַפילו אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַמעריקאַ אַ העלפט פון דער צאָהל. נאָר אויב איך מאַך אַ טעות, בין איך גרייט איהם צו פעררריכטען, ווען מען וועט עס מיר זאָגען. נאָר דאָ האָב איך ווידער אַ טרייסט.

וואָס איז שייך צו נייע ביכער, קען אַמעריקאַ זיך נישט פערגלייכען מיט דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד ווערען אַרויסגעגעבען עטליכע און צוואַנציג טויזענד נייע ביכער אַ יאָהר. און דייטשלאַנד האָט אַ בעפעלקערונג, וואָס איז עטוואָס מעהר ווי אַ העלפט פון דער אַמעריקאַנער בעפעלקערונג.

דערביי וויל איך זאָגען, אַז פאַר די יודישע פערפאַסער איז עס אַ סך בעסער, וואָס עס ווערען געדרוקט אַזוי וועניג נייע ביכער אויף יודיש. ווען עס ווערען אַרויסגעגעבען וועניג נייע ביכער, זעהט זיך יעדעס נייע בוך זעהר שטאַרק אָן און נאָך מעהר זעהט זיך אָן דער פערפאַסער. ווען עס געהען אָבער אַרויס נייע ביכער אין די טויזענדער, ווי דאָס איז דער פאַל אין ענגליש און אין דייטש, קענען זיך אָנזעהן בלויז די גאַנץ וויכטיגע, אָדער די גאַנץ אינטערעסאַנטע ביכער. אַפילו די גאַנץ אינטעליגענטע ענגלישע לעזער ווייסען נישט די נעמען פון די מייסטע נייע ביכער, וואָס געהען אַרויס יעדען יאָהר און זיי ווייסען אויך נישט די נעמען פון אַ סך פערפאַסער.

נאָר דאָ קום איך טאַקע צו אַ וויכטיגען פונקט: איך גלויב, אַז מען דרוקט, אין אַלגעמיין צופיל ביכער.

אַ גאַנץ גרויסער טייל פון די נייע ביכער, וואָס דרוקען זיך יעדען יאָהר, האָט קיינער נישט נויטיג, אַפילו נישט דער פערפאַסער. וואָרום אַ סך ביכער געבען זייערע פערפאַסערס אַפילו נישט קיין „אונשטערבליכקייט“, שוין אָפּגערעדט וועגען געלד, און אַ גאַנץ גרויסע צאָהל ביכער ווערען דאָך געדרוקט בלויז פאַר „אונשטערבליכקייט“. אַ סך פערפאַסערס גיבען אָפּט אויס זייער לעצטען דאָלאַר אָפּצודרוקען זייערע ווערק, פון וועלכע זיי ערוואַרטען נישט גאָרנישט, אויסער אַביסעל „אונשטערבליכקייט“, אָבער אויך דאָס קריגען זיי נישט.

און איך טראַכט, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלען מיר זיכער נישט דרוקען אַזוי פיל נייע ביכער יעדען יאָהר. געוויס וועט עס זיין אַ רחמנות אויף פיל פון די, וואָס זוכען אונשטערבליכקייט, אָבער אויף די לעזער איז אַ גרעסערער רחמנות און זיי האָבען פערדינט, אַז מען זאָל זיי בעפרייען פון די בערג אונניצליכע ביכער, וואָס ווערען יעדען יאָהר געדרוקט פאַר זיי.

אמת, די לעזער האָבען אַ ברירה זיי נישט צו לייענען, אָבער פון וואַנען זאָלען די לעזער אַמאָל וויסען, וואָס זיי דאַרפען נישט לייענען? לייענען זיי זיי גראָד, וואָס זיי דאַרפען נישט. נאָך לאָמיך זיך דאָ נישט פערנעהמען מיט אַ נייער פראַגע. די לעזער זענען אַ פראַגע פאַר זיך, אַלענפאַלס זענען אָבער פערהאַן אַזעלכע מענשען, וואָס זענען געצוואונגען צוליב זייער פּראָפעסיע צו לייענען פערשידענע שמאַטעס, און פאַר זיי וואָלט אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין דעם פרט געוויס געווען אַ גרויסע ברכה.

———:0:———

פאַרוואָס איז ניקאָלאַי!!

נישט געראַטעוועט געוואָרען דורך דער ענגלישער רעגירונג

אויף דעם ביכער־מאַרק האָבען זיך איצט בעוויזען אַ ים „מעמואַרען“, וועלכע ענטדעקען די געהיימע סודות פון דער פּאָליטיק, איבערהויפּט פון די וואונדערבאַרע יאָהרען 1914—1919. צו דער קאַטעגאָריע פון די מעמואַרען קען פערעכענט ווערען דאָס בוך, וועלכעס עס האָט איצט אַרויסגעלאָזט פרוי מעריעל ביוקענען: „די דיפּלאָמאַטיע און די אויסלענדישע הויפען“. די מעמואַרען האָט געשריבען די טאָכטער פון געוועזענעם בעוואוסטען איצט שוין פערשטאָרבענעם ענגלישען געזאַנדטען אין פעטערבורג סער דזשאָרדזש ביוקענען.

אין דעם בוך דערצעהלט די אויטאָרין, פאַרוואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבען ניקאָלאַי'ען דעם צווייטען ביים אָנהויב פון דער רעוואָלוציע צו אַנטלויפען קיין ענגלאַנד.

פאַר'ן בעקענען זיך מיט פרוי ביוקענעס בוך, איז כדאי זיך צו דערמאָהנען וועגען אַן אינטערוויו, וועלכען עס האָט געגעבען אין פּאַריז אין יאַנואַר א. פ. קערענסקי אַ קאָרעספּאָנדענט פון „טיימס“.

קערענסקי האָט, לויט דער אינפאָרמאַציע פון דעם אינטערוויו, געזאָגט: „ענגלאַנד האָט געקענט ראַטעווען דעם קייזער, ווען זי וואָלט עס וועלען טון.

אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע איז קערענסקי געווען אין מאָסקווע אויף אַ פערזאַמלונג פון מאָסקווער סאָוועט, וואו עס איז אויפגעהויבען געוואָרען די פראַגע וועגען גורל פון ניקאָלאַי 2, קערענסקי האָט פאָרגעלעגט (אַזוי שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט פון „טיימס“), אַז ער אַליין איז גרייט אָפּצופיהרען דעם אָבדיקירטען צאַר קיין מורמאַנסק, כדי איהם און זיין פאַמיליע צו אַרויפצושיקען אויפ'ן דאַמפער, וואָס געהט קיין ענגלאַנד. דער פעטראָגראַדער עולם האָט אָבער געוואָלט אַריינזעצען ניקאָלאַי'ען אין פעטראָ־פּאַוולאָווער פעסטונג, דער ראַט פון די אַרבייטער־דעפּוטאַטען האָט אַפילו אָפּגעגעבען אַ בעפעהל, אָנצוהויבען אַן אַלגעמיינעם שטרייק, אויב מען וועט דעם קייזער וועלען אַרויספיהרען קיין אויסלאַנד.

„ווען אין זומער 1917“, זאָגט ווייטער קערענסקי, „איז די רעגירונג געוואָרען שטאַרקער און איך בין געשטאַנען בראש פון דער רעגירונג, האָב איך מיך פערזענליך געווענדעט צו סער דזשאָרדזש ביוקענען מיט אַ בקשה, אַז זיין רעגירונג זאָל ראַטעווען דעם קייזער. ביוקענען האָט דעמאָלט טעלעגראַפירט קיין לאָנדאָן, פון לאָנדאָן איז געקומען אַ צי קלאָרער און דייטליכער ענטפער, אַז ביז צום סוף פון דער מלחמה קען די ענגלישע רעגירונג נאָר נישט טון פאַר'ן צאַר. (דער מעכטיגער מיניסטער אין ענגלאַנד איז דעמאָלט געווען לאָיד דזשאָרדזש).

„ענגלאַנד — זאָגט ווייטער קערענסקי האָט נישט געוואָלט אויפרעגען איהרע אַרבייטער, און אַזוי ווי מיר האָבען נישט געקענט אַרויסשיקען דעם צאַר קיין אויסלאַנד, האָב איך בעשלאָסען איהם איבערצופיהרען קיין טאָבאָלסק, וואָס איז געלעגען אַזאַ ווייט פון די באַהן־וועגען און די בעפעלקערונג איז געווען רוהיגער, דאָס איבערפיהרען פון צאַר איז געווען געהאַלטען אין אַ שטרענגער געהיימניש“.

צו דער ערצעהלונג פון קערענסקי'ן קען מען נאָך צוגעבען פאָלגענדעס: די ענגלישע אַרבייטער האָבען זיך אין יאָהר 1917 אַרויסגעזאָגט געגען דעם, אַז ניקאָלאַי זאָל קומען קיין ענגלאַנד, אָבער נישט אַזוי קאַטעגאָריש און גראָב, ווי עס האָבען דאָס פאָרגעשטעלט — די צייטונגען, וועלכע זענען דעמאָלט אינספּירירט געוואָרען דורך לאָיד־דזשאָרדזשען. אין דער ראַדיקאַלער צייטונג „סטאַרס“ אין דעם אַרטיקעל וועגען דעם, אַז ענגלאַנד זאָל נישט אַריינלאָזען דעם רוסישען צאַר שטעהט געשריבען, „ענגלאַנד דאַרף נישט ראַטעווען דעם צאַר פון דעם פאָלקס־צאָרן דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער געדאַנק.

איצט וועגען בוך פון פרוי ביוקענען.

„אַ פּאָר טאָג נאָך דער פעברואַל־רעוואָלוציע — דערצעהלט די אויטאָרין — איז געקומען אין דער בריטישער געזאַנדשאַפט איינער פון די גרויס־פירשטען און מיטגעטיילט דעם געזאַנדטען סער דזשאָרדזש ביוקענען, אַז ניקאָלאַי'ן דראָהט יעדע מינוט דער טויט, כל זמן ער איז אין רוסלאַנד, עס איז דעריבער נויטיג באַלד צו אָרגאַניזירען, אַז דער צאַר און זיין פאַמיליע זאָלען אָפּפאָהרען קיין ענגלאַנד אָדער אין עפּיס אַן אַנדער זיכער לאַנד.

„מיין פאָטער — שרייבט פרוי ביוקענען — איז דעמאָלט באַלד געפאָהרען צו מיליוקאָוו'ן, דער מיניסטער ווי אויך די גאַנצע צייטווייליגע רעגירונג האָט אַרויסגעוויזען אַן אויפריכטיגען ווילען מיטצוהעלפען צום אָפּפאָהרען פון ניקאָלאַי'ען קיין אויסלאַנד, עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז סער ביוקענען וועט טעלעגראַפירען קיין ענגלאַנד אין דעם זין, אַז קעניג געאָרג 5 זאָל געבען אַזיל דעם אָבדיקירטען צאַר און זיין פאַמיליע. קעניג געאָרג האָט באַלד געענטפערט, אַז ער איז מסכים און, עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אַן ענגלישער קרייסער וועט וואַרטען אין מורמאַנסק. אויף דער מיליטערישער שיף האָט ניקאָלאַי און זיין פאַמיליע געדאַרפט בשלום קומען קיין ענגלאַנד.

„צום אומגליק — שרייבט ווייטער מיס ביוקענען — איז אַרויסגעקומען אַן אומערוואַרטעטער אָפּהאַלט. און נאָכדעם האָט זיך געגען קומען פון ניקאָלאַי'ען אַרויסגעזאָגט די ענגלישע אַרבייטער־פּאַרטיי. די ענגלישע רעגירונג האָט נישט צוריקגעצויגען איהר הסכמה צו געבען דעם צאַר און זיין פאַמיליע אַזיל, זי האָט זיך אָבער דערשראָקען פאַר די שאַרפע רעדעס פון די אַרבייטער־פיהרער. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך נישט ענטשלאָסען אויף אַ שריט, וועלכער וואָלט זי געמאַכט אונפּאָפּולער, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס סער ביוקענען האָט אין זיינע טעלעגראַמעס ענערגיש געפאָדערט, אַז דאָס מיניסטעריום זאָל אַרויסהעלפען דעם צאַר, דער ראַט פון אַרבייטער־און סאָלדאַטען־דעפּוטאַטען האָט דערווייל בעקומען די אויבערהאַנד,

(ענדע — זעה 9־טע זייט)

פרעמדע לענדער און ווילדע פעלקער

אויף דעם פאסיפישען אקעאן, צו צפון פון אויסטראליען, ליגט דער גרויסער אינזעל ניי־גווינעא, אדער פאפואא. דאס איז דער צווייטער גרעסטער אינזעל אויף דער ערד. און נישט־קוקענדיג דערויף, וואס דער אינזעל איז אזוי גרויס. איז ער נאך זעהר ווייניג אויסגעפארשט געווארען. מען ווייסט וואס עס טוט זיך ביי זיינע ברעגען; אבער ביז־איצטער ווייסט מען נאך נישט, וואס עס טוט זיך טיף אין דעם אינזעל.

אויף אט דעם אינזעל געפינען זיך צוויי פערשידענע פרימיטיווע פעלקער, וועלכע געהערען צו צוויי גאנץ פערשידענע ראסען. דאס ערשטע פאלק זענען אייגענטליך די זעלבע נעגריטאסען, וואס געפינען זיך אויף די אנדאמאן־אינזלען. כאטש דא, אין ניי־גווינעא, האבען זיי זייערע בעזונדערע און אייגנארטיגע כאראקטעריסטישע שטריכען און דאס צווייטע פאלק רופט מען מיט דעם אלגעמיינעם נאמען פאפואאסען, נאכ'ן נאמען פון אינזעל.

די פאפואאסען שטעהען אויף א זעהר נידעריגער שטופע פון ציוויליזאציע. זיי לויפען ארום כמעט אינגאנצען נאקעט. די מענער בינדען ארום דעם אונטערשטען טייל פון זייער בויך מיט א מין גארטעל, געמאכט פון דינע קארע פון בוימער, און אמאל בעגנוגענען זיי זיך בלויז מיט א שטריקעל; און די פרויען טראגען קורצינקע קליידלעך, וואס הענגען אראפ פון אונטערשטען טייל פון בויך ביז די קניה. די קליידלעך זענען אויך געמאכט פון קארע פון בוימער. זיי זענען אדער גלאטע, אדער אויסגעשניטען אזוי, אז עס הענגען אראפ אין געדיכטע סטענגעס.

ווי אלע פרימיטיווע פעלקער האבען די פאפואאסען זיך ליב צו פוצען מיט פערשידענע קלייניגקייטען, וואס זיי קענען נאר געפינען ארום זיך. זיי פוצען זיך אין קאלירטע פעדערען פון פערשידענע פויגלען, און הענגען אן ארום האלז קארעלען געמאכט פון שטיינדלעך, פון ביינדלעך און פון די מושלען פון ים־בעשעפענישען. מענער שטעקען נאך אריין אין נאז א לאנג שטעקעל פון האלץ אדער פון ביין. דאס שטעקעל קען זיין א 6—7 צאל לאנג, און איז אזוי אריינגעשטעקט אונטער די נאזלעכער, אז עס שטעקט ארויס פון ביידע זייטען פנים אין דער זעלבער לענג, ווי די ליפען ציהען זיך. אמאל שטעקען זיי נאך אריין אין נאז א פאר גרויסע און פערדרעהטע ציינער פון א ווילדען חזיר, און דאן זעהט אויס דער מאן א סך שרעקליכער, ווי ער איז געוועהנליך.

אבער די גרעסטע און ווערטפולסטע צירונג ביי די פאפואאסען — מענער, פרויען און קינדער — זענען הינטישע ציינער אנגעהאנגען אויף א שטריקעל ארום האלז. די הינטישע ציינער ווערען ביי די פאפואאסען פונקט אזוי הויך געשאצט, ווי דימענטען און פערל ביי אייראפעאישע און אמעריקאנער פרויען. און זיי זענען מבינים אויף דעם. ווען אייראפעער פארשער האבען אהין געבראכט קינסטליכע הינטישע ציינער. מיט וועלכע זיי האבען געוואלט דינגען זייער ארבייט, אדער אפקויפען פון זיי פערשידענע זאכען פאר די מוזעאומס, האבען די פאפואאסען זיי נישט געוואלט אננעהמען. זיי האבען געפאדערט אמת'ע ציינער, און יעדער צאהן האט זיך זיין ווערט, ווי דאס איז דער פאל מיט פערשידענע איידעלשטיינער.

דער אויסזעהן פון די פאפואאסען איז א שרעקליכער. דאס לייב און פנים איז שווארץ און קויטיג; די האר — לאנג, געדיכט, קויטיג און צופאטעלט: די אויגען טיף און פערגאסען מיט בלוט און אונטער די נאז־לעכער שטעקט א לאנג ווייס שטעקעל. קיין פרימיטיווער פאלק זעהט נישט אויס אזוי ווילד, ווי די פאפואאסען. אבער אין נשמה זענען זיי גאנץ גוטמוטיגע מענשען און זענען פול מיט קינדערשער נאאיוויטעט און שטיפערישקייט. אפילו ווען זיי בעגעהען דעם שרעקליכסטען פערברעכען, איז עס ביי זיי נישט מעהר ווי א מין קינדערשע שטיפעריי. זיי אליין פיהלען נישט, אז דאס איז א שרעקליכער פערברעכען.

די פאפואאסען זענען אין אלגעמיין פול מיט לעבען, רידעוודיגקייט און נייגעריגקייט. ווען זיי דערזעהען ווייסע מענשען צום ערשטען מאל, האלטען זיי זיך פון דערווייטענס, ווי זיי זאלען מורא האבען. ווען זיי דערפיהלען אבער, אז די ווייסע מענשען וועלען זיי קיין שלעכטס נישט טון, ווערען זיי באלד היימיש און זענען גרייט צו קריכען אויפ'ן קאפ.

מיט זייערע לאנגע און שמאלע שיפלעך, וואס זענען אויסגעהאקט פון איין לאנגען קלאץ, שווימען זיי צו דער שיף פון די אייראפעאישע פארשער, און נישט געבעטענערהייט און אהן צערעמאניעס קריכען זיי ארויף אויף דער שיף און הויבען דארט אן ארומלויפען ווי מייזלעך אין אלע ריכטונגען. אין דער ערשטער מאמענט זענען זיי ערשטוינט פון די נייע גלאנציגע און געשניצטע זאכען, וואס זיי דערזעהען דארטען, און באלד נאך דעם הויבען זיי אן ארומלויפען איבער דעם דעק פון שיף און אריינשטעקען די נאז אומעטום, וואו עס לאזט זיך נאר. אלץ ווילען זיי זעהען און אלץ בעטאפען. און וואס עס לאזט זיך נאר גנב'ענען זיי אוועק און ליגען אריין אין געפלאכטענעם זעקעל, וואס יעדער פון זיי טראגט מיט זיך. און טאמער כאפט מען אזא איינעם פאר דער האנד — בעליידיגט ער זיך נישט און גיט עס אפ צוריק מיט א גוטמוטיגען שמייכעל, ווי ער וואל זאגען: „אויב עס איז דיינס, טא נעהם עס זיך צוריק".

די פאפואאסען זענען קאניבאלען; זיי עסען מענשליך פלייש. נאך מיט עטליכע צעהנדליג יאהר צוריק איז עס דארטען פראקטיצירט געווארען גאנץ ברייט; אבער פאר די לעצטע יאהרען אונטער דעם איינפלוס פון די אייראפעער, וועלכע האבען דארטען זייערע קאלאניעס, האט מען דעם מנהג אויפגעהערט צו פראקטיצירען. דער אינזעל געהערט איצטער

די מענשען־פרעסער פון פאפואא

פון א. י. ברענער

האלב צו ענגלאנד און האלב צו האלאנד. יעדע פון די מלוכות, און איבערהויפט ענגלאנד, האט דארט איהרע קאלאניעס, מיט בעאמטע, סאלדאטען און פאליציי. די פאליציאנטען זענען איצטער מעהרסטענס די פאפואאסען אליין. די פארשטעהער פון די אייראפעאישע מלוכות האבען אויסגעקליבען די מעהר פעהיגע יונגעלייט און זיי פארבערייטעט צו ווערען פאליציאנטען, כדי צו האלטען ארדנונג צווישען די ווילדע שבטים; און מען זאגט, אז זיי ערפילען זייערע פליכטען גאנץ גוט און אז מען קען זיך אויף זיי פערלאזען.

און אונטער דעם דרוק פון אט די אייראפעאישע בעאמטע האבען די פאפואאסען אויפגעגעבען זייערע קאניבאלישע נייגונגען. עס איז אבער דא גענוג גרונד צו גלויבען, אז טיפער אין אינזעל, וואו די אייראפעאישע בעאמטע און פאליציי קענען נישט האבען די נויטיגע השגחה, טרעפט נאך איצטער, אז מען הרג'עט א מענשען, מען בראט איהם אפ און מען עסט איהם אויף.

ווען אן אייראפעער — א פארשער אדער בעאמטער — פערפיהרט א געשפרעך מיט א פאפואאנער וועגען דער מענשענפרעסערישער פראקטיק, וועט זיך דער פאפואאנער אויסדרעהען פון א בעשטימטען ענטפער. ער ווייס, אז די ווייסע האבען אזעלכע זאכען נישט ליב און אז מען קען דערפאר שטארק בעשטראפט ווערען. אבער ווען א ווייסער ווערט א גוט־פריינד מיט אן אלטען פאפואאנער און געווינט זיין צוטרויען, וועט ער דערצעהלען וועגען זיינע אמאליגע ערפאהרונגען. ער וועט דערצעהלען, ווי אזוי מען האט געגעסען דאס פלייש פון מענשען; אז דאס פלייש פון קינדער איז געשמאקער פון פלייש פון אלטע לייט; אז אמאל פלעגט א פאפואאנער פרוי מאכען דעם מאן א סקאנדאל, אויב ער האט איהר נישט געבראכט פון צייט צו צייט פון ערגעץ א קינד צום עסען; און ער וועט דערצעהלען ווי אזוי דאס מענשען־פלייש דארף געקאכט אדער געבראטען ווערען, אז עס זאל זיין געשמאקער.

און מיט דעם זעלבען געפיהל פון אומפערענטווארטליכקייט און שטיפערישקייט און אפילו נאאיוויטעט, מיט וועלכער א פאפואאנער וועט גנב'ענען פון א ווייסען מענשען א גלאנציג קנעפעל — מיט דעם זעלבען געפיהל וועט ער דערמארדען א צווייטען פאפואאנער צוליב וועלכער עס איז אומבעדייטענדער אורזאך. ער וועט איהם דערהרג'ענען נישט אין דער עפענטליכקייט, נאר ערגעץ אין א טונקעלען ווינקעל פון א בעהאלטענעם ארט. שפעטער וועט ער פון דעם קיין בעזונדער סוד נישט מאכען און נאך שפעטער וועט ער זיך דערמיט אפילו בערימען, און וועט אפילו בעטראכט ווערען אלס א מין העלד.

הובערט מארעי, וועלכער איז א לענגערע צייט געווען דער געהילפס־גובערנאטאר און ריכטער אין דעם ענגלישען טייל פון אינזעל, דערצעהלט אזא פאל:

מען האט פאר איהם געבראכט צוויי פאפואאנער, וואס האבען ערמארדעט א דריטען צוליב א געוועהנליכען ראמאן, איינער פון די ארעסטירטע האט געפיהרט א ליבע מיט דעם ערמארדעטענס ווייב, און די פרוי אליין האט איהר געליבטען אנגערעדט צו ערמארדען איהר מאן.

די אויספארשונג האט מארעי געפיהרט דורך אן איבערזעצער, נאטירליך, אויך א פאפואאנער. פרעגט סער הובערט דעם איבערזעצער:

„איך פערשטעה פארוואס דער מאן האט ערמארדעט זיין געליבטער'ס מאן: אבער פארוואס, האט דער צווייטער געהאלפען אין מארד? ער איז דאך א זייטיגער".

ערקלערט איהם דער איבערזעצער:

„דער צווייטער איז א פריינד פון דעם ערשטען. ער האט איהם געבעטען העלפען, האט ער איהם געהאלפען".

די צוויי אייראפעאישע רעגירונגען. צו וועמען דער אינזעל געהערט, האבען געמאכט א היבש ביסעל אנשטרענגונגען די פאפואאנער צו קולטיווירען; אבער ביז איצטער האט עס זיך זיי נאך נישט איינגעגעבען. עס זענען שוין איצטער פערהאן א פאר הונדערט משפחות פון פאפואאסען, וואס וואוינען אין שטענדיגע היימען, טראגען אפסעל קליידער אויף זיך און בעארבייטען צוביסלעך די ערד, אבער דאס זענען אויסנאהם־פאלען. דאס רוב פאפואאסען זענען נאך איצטער אזוי ווילד, ווי מיט דורות צוריק, און עס זענען נישטא קיין אויסזיכטען, אז זיי זאלען זיך לאזען קולטיווירען אזוי גיך.

פערפומען,
פודערן,
קעלנישע און בלומען־וואסערן
אלע ארט קאסמעטיק
איינ- און אויסלענדישע קויפט זיך אמביליגסטען אין דער רעיעלסטער פערפומעריע
:---: פון דער פירמע :---:
J. Drukier
11 Zawadzka 11
!!!
אכטונג! איך עמפפעהל פערפום־עסענצען אין 36 געשמאקען.
פאר ענגראסיסטען – ראבאט!

סאן פאולא

(פון דער סעריע „ביי די יודען אין בראזיליען")

פון ל. מלאך

די צווייטע גרעסטע שטאט אין בראזיליען, נאך ריא־דע־זשאנעירא, איז סאן פאולא. סיי מיט איהר שטח, סיי מיט איהר צאהל איינוואוינער, וואס אבער שייך אין פראגרעס, האט שוין סאן פאולא ווייט איבערגעשטיגען די רעזידענץ — ריא. און אפשר איז דאס נאטירליך אויך, ווייל אין קיין שום אנדער שטאט פון בראזיליע זעהט זיך נישט אזוי שטארק אן דער איינפלוס פון אויסלענדער ווי אין סאן פאולא, בעשטעהען פון איטאליענער, דייטשען, טערקען, ענגלענדער און פראנצויזען. די לפי ערך קליינע צאהל יודען, און פערגלייך מיט אנדערע, גיט אויך צו פיהלען ווי ווייט סאן פאולא איז פון בראזיליאנער גייסט און אלץ נעהנטער, נעהנטער צו אייראפא.

פון ריא דע זשאנעירא ביז סאן פאולא פאהרט מען צוועלף שעה מיט דער אייזענבאהן. דער וועג איז געשניטען דורך פעלזען און בערג. ארויספאהרענדיג פון ריא פיהלט מען אויף זיך דעם גליז פון דער טראפישער זון. דאס אבער ווערט פערכאפט פון דער טרוקענקייט פון דער ערד, דעם הייסען שטויב. וואס פאלט אויף די עטליכע איינזאמע פאלמעס, וועלכע טוליען זיך צוזאמען אין מיטען זאמד, גלייך ווי איינער וואלט ביים צווייטען א שאטען געזוכט. קומט מען אבער נעהענטער צו סאן פאולא, פערשווינדט דאס געפיהל פון ווייטע טראפישע קלימאטען, א היימיש, א בעקאנט ווינדטעל וועהט אריין דורך די וואגאן־שויבען, אנ'אנזאג פון קיהלקייט. וואס דער אויסלענדער אין בראזיליען הערט נישט אויף צו טראכטען און צו בענקען.

די נאטור האט א סך געהאלפען, אז סאן פאולא זאל זיך נישט נאר קלימאטיש אפטיילען פון די נארד־שטאטען פון לאנד, נאר זאל זיך פסיכאלאגיש אויך אפטיילען פון אנדערע געגענדען. די פראווינץ סאן פאולא איז זעהר הויך אויף די בערג, איז קיהלער און הערפאר איז דער קלימאט עהנליכער צו אייראפא. די מענשען זענען ווייניגער פויל ווי אין ריא דע זשאנעירא, במילא ארבייטסזאמער. די ארבייטסזאמקייט האט די פראווינץ פערוואנדעלט אין א גן־עדן. דער אונטערנעהמונגסגייסט פון די גרויסע אויסלענדישע קאפיטאליסטען האט זיך דא צושפילט מיט אלע פייערען. די גרעסטע אינדוסטריע איז געשאפען געווארען דא אין הינקעל פון סאן פאולא. אלע גרעסטע פאבריקען, האנדעלס־הייזער, הערצו שפילט נאך דאס מזל אויך צו. אין די ווייטערע געגענדען פון דער זעלבער פראווינץ זענען די מייסטע קאפע־פלאנטאציעס — דער הויפט־פראדוקט פון בראזיליעס עקספארט פאר'ן אויסלענדישען מארק. אט דאס אלץ מאכט פון איין זייט סאן פאולא פאר דעם וויכטיגסטען שטאט אין לאנד, פון דער צווייטער זייט — קאפריזנע, אונגערולדיג. סאן פאולא האלט זיך גרויס, בלאזט פון זיך, קוקט אויף די אנדערע שטאטען פון אויבען אראפ. איז תמיד אנגעצויגען אויף דער פעדעראלער מאכט — די ריא דע זשאנעיראר רעגירונג. סאן פאולא קוקט אויף איהר ווי א זוהן א גביר קוקט אויף קבצנישע טאטע־מאמע. ווארפט אלע מאל רעכנט פאר די פיס, אז זי וועט זיך אפרייסען און ווערען א מלוכה פאר זיך. קרעדים בעקומט זי אין אויסלאנד פאר זיך אליין אהן דער הילף פון דער פעדעראלער גאראנטיע. פערקעהרט, אז די הויפט רעגירונג פון לאנד וויל א הלוואה מוז סאן פאולא גוט זאגען. די ריא דע זשאנעירא'ר רעגירונג איז נישט אזא גרויסער בעל בטוח. די אנדערע שטאטען שמעקט נישט אט די מיוחסת און מען אגיטירט, אז סאן פאולא זאל ווערען אויס שטאט פאר זיך און צוגערעכענט ווערען צום פעדעראלען דיסטריקט, צו ריא דע זשאנעירא.

ענטפערט סאן פאולא דערויף מיט.... אויפשטאנד. די לעצטע רעוואלוציע איז געווען אין 1924. ס'איז געווען א פארמולערע שלאכט צווישען רעגירונג און פראווינץ־מיליטער. די שטאט איז שיער רואינירט געווארען. דער קריזיס, וואס האט זיך פון דעם גענומען, פיהלט מען נאך היינט.

אבער דאס איז נישט דער ערשטער שטאט און נישט דאס ערשטע מאל, וואס בראזיליאנער פראווינצען אדער גרופעס „קעמפען" געגען דער רעגירונג. דאס הייסט אייגענטליך געגען א פערזאן פון דער רעגירונג.

נאך ריא דע זשאנעירא איז אויך דער גרעסטער יודישער ישוב אין סאן פאולא און אויב די יודישע בעפעלקערונג אין בראזיליען וועט זיך פערמעהרען, וועט אהן שום ספק סאן פאולא זיין איינער פון די גרעסטע יודישע צענטערען אין לאנד.

אין סאן פאולא איז דער ישוב א פעסטערער, אנ'איינגעפונדעוועטער. די סיבה דערפון איז, וואס שוין היינט געהט די גרעסטע יודישע אימיגראציע אייראפא. דער כמעט אייראפעאישע לעבענס־שטייגער, דער קאמערץ און די אינדוסטריע, וואס איז פערהאן אין סאן פאולא, הגם, אין דער אינדוסטריע נעהמען יודען נאך קיין גרויסען אנטייל נישט, אבער האפנונגען זענען פערהאן א סך. אין קאמערץ, אין קליינעם ווי אין גרויסען מסחר שפילען יודען שוין אנ'אנגעזעהענע ראלע. דערצו אויך דער פאקט, וואס קיין בראזיליען פאהרען נישט סתם אימיגראנטען, נאר מען קומט צו פריינד, צו משפחה. אין סאן פאולא איז דאס משפחה'דיגע לעבען א פעסטערעס ווי אין ריא. מעהרסטענטיילס שטרעבט מען דא צו זיין באלעבאטישליך. מען קויפט זיך אייגענע הייזקעס, מען האט התונה, מען פיהרט ווירטשאפט. אין ריא איז דאס לעבען פון דער יודישער יוגענד מעהר א נאסיג לעבען. אין סאן פאולא זוכט מען מעהר דעם יסוד, דאס קערענדיגע.

אזוי ווי עס „קריסטעלט" זיך, אזוי „יודעלט" זיך, אזוי ווי אלע אימיגראנטען פון סאן פאולא, אזוי האבען יודען אויך ארויסגעשלאגען פון זיך זייערע חלומות פון ווייטערדיגען וואנדלען. אין גאנץ בראזיליען (חוץ אין קוריטיבא, פארנא און אין פארטא אלעגרע) האבען יודען נישט קיין איין בנין פון זייערס אנ'אינסטיטוציע, סאן פאולא האט זיך קיין סאן פאלוא. די קלימאטישע עהנליכקייטען צו איהרע קהל'שע געביירעס. עטליכע שעהן געמוירטע שוהלען. אין איין שוהל, די גרויסע, די „דעמאקראטישע" געפינט זיך א יודישע פאלקס־ביבליאטעק. א צימערל, אפגעטיילט סאמע הינטערן ארון קודש, דארט קומען זיך צונויף יודישע יונגעלייט, מיידלעך, זונטאג נאכמיטאג. מען לייענט יודישע צייטונגען, מען נעהמט אהיים יודישע ביכער, בינו לבינו כאפט מען שוין א דיסקוסיע. אמאל קומט נאך צופאהרען א גאסט, א שרייבער איז יום־טוב אין דער יודישער קאלאניע. א סדרה אויפנאהמען, באנקעטען און כ'איז היימלעך.

די יודישע יוגענד אין סאן פאולא איז א לעבעדיגע, אנ'אינטענסיווע. מיט א גענייגענדער מאס קולטור און פערשטענדעניש. אינטערעסירט זיך מיט אלע פאליטישע און געזעלשאפטליכע ערשיינונגען א אינ'ם יודישען לעבען, וועלכע שטעהען אויף דער טאג־ארדנונג פון דער וועלט.

דער יודישער ישוב אין סאן פאולא האט שוין טיפע ווארצלען געשלאגען. פיל טיפערע ווי אין אנדערע שטאטען, וואו עס הויבט זיך ערשט איצט אן צו פארמירען א יודיש לעבען. די געשיכטע פון דער יודישער איינוואנדערונג איז אויך שוין נישט קיין גאר יונגע. דאס יודישע סאן פאולא צעהלט שוין צווישען זיינע רייהען גאנץ היבש פערמעגליכע מענשען, גרויס־אינדוסטריאלען און אפילו עטליכע מיליאנערען. די גרעסטע פאפיר אינדוסטריע געהערט צו א יודען, אנ'איינגענעם בעסאראביער יודען, אנ'אימיגראנט.

ווי איבעראל פערנעהמען זיך אבער יודען, אויך אין סאן פאולא מיט פעדלעריי, אבער אלס אזעלכע, וואס זעהען שוין אין דער שטאט זייער צוקונפט, זוכען זיי שוין זיך ארויפצוארבייטען אויף א העכערע מדרגה פון פרנסה, אזוי אז ביי די ערשטע מיטלען און מעגליכקייטען געהען זיי איבער צו אנדערע פרנסות, צו קלייטען, צו געשעפטען פון קליידער און מעבעל. די „גרינע", וואס קומען, האבען לעת עתה קיין אנדערע בעשעפטיגונג נישט. דאס איינציגע מעגליכע און לייכטע איז — פעדלעריי. און ווי נאר דער אימיגראנט ווערט אויסגעגרינט, דערשלאגט ער זיך צו אנדערע פאכען און לאזט אזוי ארום איבער דאס ארט פאר פעדלעריי צו די נייע, צו די פריש אנגעקומענע „גרינע", אזוי חזר'ט זיך איבער דאס לעבען, א מדרגה פון שטאפלען.

סאן פאולא איז א העכסט מאדערנע שטאט. מיט רוישיגע גאסען, מיט פולע טראטוארען. דעם יום־טוב פון בראזיל דאס האבען די פרעמדע לייכט איבערגענומען. די שטאט וואקסט מיט אמעריקאנער הימעל־קראצערס. די בעטאן בריקען, די מאטע לאמפען, די פראכטפולע האטעלען בולווארען און פארקען קאנקורירען זעהר שטארק מיט בראזיליעס שטאלץ, ריא דע זשאנעירא. ס'קען זיין, אז די שטאט אויפ'ן בארג — סאן פאולא, וועט איבערשטייגען, איבעריאגען די קרוין, — ריא דע זשאנעירא, די שטאט, וואס ליגט אין פלאך פון ים.

יודען האבען זיך דארט זייער געטא, זייער ראיאן, ווי אין ריא די „פלאוע אגוע" אזוי אין סאן פאולא „באם רעטירא". קומט אנ'אימיגראנט קיין סאו פאולא" און ווייסט נישט ווי אין און ווי אויס, דאן זאל ער זיך הייסען פיהרען קיין באם רעטירא און ער וועט אריינפאלען אין א יודישען געגענד, נישט ערגער ווי אויף דער איסט סייד, אדער איסט בראדוויי אין ניו־יארק, צו גאר ווי אויף די נאלעווקעס אין ווארשא....

——:0:——

אַ פריינד איז נישט קיין געליבטער

ערצעהלונג פון אָסיפ דימאָוו

„מיין ליבער אָסקאַר, קומט מאָרגען דריי אַ זייגער אין צענטראַל פּאַרק אויף דעם פּלאַץ, וואו מיר זענען געווען דאָס לעצטע מאָל. איך מוז מיט אייך רעדען. עס איז זעהר וויכטיג. איך וועל זיין אין צייט, — פערשפּעטיגט זיך נישט. — ב.״

אָסקאַר האָט דורכגעלייענט דאָס צעטעלע איין מאָל און נאָך אַמאָל און האָט זיך פערטראַכט. ער האָט גוט געוואוסט, וואָס די אונטערשריפט „ב.״ מיינט, עס איז בעלאַ. אָהן דעם „ב.״ וואָלט ער אָבער אויך געוואוסט; צו־בעקאַנט איז איהם געווען איהר האַנדשריפט. וואָס האָט עס געקענט מיינען? וואָס דאַרף זי פון איהם? קומען צו דער באַנק, אויף וועלכער זיי זענען געזעסען דאָס לעצטע מאָל? אָבער דאָס לעצטע מאָל איז געווען, נישט קיין ליגען צו זאָגען, אַ האַלב יאָהר צוריק. אַ קורצע צייט איידער עס האָט זיך בעוויזען דער יונגער הענדלער מיט אַלטע אויטאָמאָבילען. יאָ, עס וואָלט שוין אַוודאי געווען בעסער, ווען דאָס וואָלט געווען אַן אַלטער הענדלער מיט יונגע אויטאָמאָבילען. פון דער צייט אָן איז בעלאַ פאַר איהם געווען פערלוירען. און צוריקגערעדט, — ווען איז זי פאַר איהם געווען געפונען?

אפשר מיינט עס, — האָט אָסקאַר ווייטער געטראַכט, — אפשר מיינט עס, אַז דער יונגערמאַן מיט די אויטאָמאָבילען איז שוין פערשוואונדען און זי רופט איהם? אָט רופט זי איהם דאָך, אָט שרייבט זי צו איהם, אָט רעדט זי צו איהם: „קומט אין צייט, איך וועל זיך נישט פערשפּעטיגען״. אָ־בער, ניין, אַפילו ווען אַ פרוי קומט אין צייט אויף אַ ראַנדעוואו, איז עס בלאָטע, ברודער, ניין, אָסקאַר, עס איז נישט דאָס, וואָס דו מיינסט, עס איז נאָך אַלין די אַלטע געשיכטע, וועלכע ציהט זיך שוין יאָהרען לאַנג, — פריינדשאַפט. אַמאָל אַ שפּאַציר אין פּאַרק, אַמאָל אַ קוש אין דער האַנד. פריינדשאַפט מיט איהר מאַן, שעהנע מתנות צו איהר קליין טעכטערעל — בלאָטע, ברודערקע, פעטרושקע מיט שאָלעכטס...

מאָרגען פּונקט דריי — דאָס הייסט שוין אַ האַלבע שעה פאַר דריי, איז ער געזעסען אויף דעם פּלאַץ, וואו ער איז געווען מיט בעלאַ'ן דעם לעצטען מאָל. און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַלע אורזאַכען צו מיינען, אַז זי האָט פערגעסען, וועלכע באַנק, איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום צעהן בענק ווי אַ קאַראַאוּלנע סאָלדאַט פלעגט אַרומגעהן אין די אַלטע גוטע צייטען.

ער האָט פאָרט געהאַט אַ האָפענונג, אַז זי וועט זיך פערשפּעטיגען, אָבער — בלאָטע! — פּונקט דריי אַ זייגער האָט זי זיך בעוויזען, — אַ קליין, חנ'עוודיג, שפּרינגענדיג ווייבעלע, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ יונגעל, וואָס געהט ווערען בר־מצוה און האָט זיך פערקליידט אין ווייבער'שע קליידער. און זי איז צוגעגאַנגען, — דאָס יאָ, — פּונקט צו דער באַנק, אויף וועלכער זיי זענען געזעסען אַזוי פריינדליך, אַזוי געמיטליך אַ האַלב יאָהר צוריק.

ער האָט זי בעמערקט, פון ווייטען און איז צוגעלאָפען צו איהר.

— וואָס־זשע, איהר האָט פערגעסען אונזער באַנק? — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ ביטערע טרויעריגקייט, — און איהר רופט זיך נאָך מיין פריינד?

— איך האָב געמיינט, — האָט ער פרובירט אַנהויבען רעדען.

— עס מאַכט נישט, — האָט זי איהם איבערגעשלאָגען, — הערט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר, איהר מוזט מיר געבען אַן עצה.

איהר קליין הענטעל האָט אַ ציטער געטאָן אין זיין לאַפּע און זי האָט טרויעריג, אַנ'אויפגערעגטע, געקוקט אויף איהם.

— איהר שרעקט מיך, — האָט ער אויסגע־רעדט, — וואָס איז געשעהן? אייער מאַן...

— עס האַנדעלט זיך נישט וועגען מיין מאַן, נאָר וועגען טערי'ן. נו, יאָ, וועגען מיין מאַן אויך, — האָט זי צוגעגעבען מיט אַ קאַפּריזנער מינע, — ער האָט זיך דערוואוסט וועגען אַלעמען.

— ווער?

— מיין מאַן.

— וועגען וואָס האָט ער זיך דערוואוסט?

— וועגען דעם, אַז איך האָב איהם נישט ליב?

— האָט ער דאָס פריהער נישט געוואוסט?

— יאָ, אָבער ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז אַן אַנדערער האָט מיך ליב.

— ער ווייסט שוין לאַנג, אַז איך האָב אייך ליב?

— יאָ, אָבער אַז איך האָב ליב אַן אַנדערען.

— אָבער מיך האָט איהר דאָך נישט ליב, — האָט טרויעריג געענטפערט אָסקאַר.

— נישט אייך. איהר זענט אַ גוטער פריינד, אַ פריינד ליבט מען נישט. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך האָב ליב טערי'ן.

— דעם אויטאָמאָביל־הענדלער רופט מען טערי?

— וועלכער אויטאָמאָביל־הענדלער? יענער איז שוין לאַנג פערשוואונדען.... דעם אַפּטייקער רופט מען טערי.

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט פון אַנ'אַפּטייקער.

— און דאָס הייסט אַ פריינד! אָה, אָסקאַר! פון אייך האָב איך ערוואַרט מעהר טרייהייט און אויפמערקזאַמקייט. איהר זענט דאָך נישט מיין מאַן.

— פון דער צייט, ווען עס האָט זיך בעוויזען דער אויטאָמאָביל־הענדלער, האָב איך בעשלאָסען זיך צוריקציהען, און בין נישט געקומען צו אייך, ווייל איך האָב עס נישט געקאָנט אויסהאַלטען, איך האָב אייך ליב, איך....

— לאָזט אָפּ, — האָט זי איהם איבערגע־שלאָגען, — זאָגט מיר בעסער, וואָס זאָל איך איצט טון?

— ווי אַזוי האָט אייער מאַן זיך דערוואוסט?

— דאָס הייסט, אייגענטליך האָט ער זיך נאָך נישט דערוואוסט, נאָר איך בין אַריינגעפאַלען. איך האָב איהם געזאָגט אייערנעכטען, אַז איך מוז אַוועק־פאָהרען צו מיין קראַנקער מאַמע און איך וועל דאָרט בלייבען נעכטיגען. און פּונקט אין דעמזעלבען אָוונט, קומט מיין מאַמע צופאָהרען און נעכטיגט ביי מיר אין מיין בעט.

— אין וואָס פאַר אַ בעט זענט איהר דען געשלאָפען די נאַכט? — האָט אָסקאַר אַ פרעג געטון.

— איהר זענט פּונקט אַזוי ציניש ווי מיין מאַן; ער וויל דאָס אויך וויסען, — האָט זי אויס־געשריען.

— איך פערשטעה, — האָט אָסקאַר גאַנץ שטיל אַרויסגערעדט, און זיין האַרץ איז געוואָרען פערכאַפּט ווי מיט אַן אייזערנעם רינג, — וואָס־זשע זאָל איך טון?

— איהר דאַרפט רעדען מיט מיין מאַן.

— וואָס רעדען?

— איך ווייס נישט. איהר זענט זיין פריינד. אייך גלויבט ער. דעם אַפּטייקער האַסט ער. איהר מוזט מיך ראַטעווען. איך בין פערלוירען. איך בין דאָך אַנטלאָפען פון הויז.

— וואוהין?

— צו מיין מאַמע.

— טאַקע צו דער אמת'ער מאַמע, אָדער...

— ניין, צו איהר טאַקע. איך בעט אייך, מישט זיך אַריין, טוט עפּעס, איהר האָט שטענדיג געהאַט אַ גוטען איינפלוס אויף מיין מאַן.

— איך געה שוין צו איהם, אָבער בעלאַ, ווי האָט איהר געקאָנט?...

— יאָ, יאָ, שרייט אויף מיר, איך פערדין עס.

— אַ פרעמדער מענש, עפּעס אַנ'אַפּטייקער, און איך, וועלכער ליבט אייך פון קינדהייט אָן, מיר שטויסט איהר אָפּ.

— דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. אַ פריינד איז קיינמאָל נישט קיין ליבהאָבער. איהר זענט ברוגז? איהר ליבט מיך דאָך? אַ יאָ, אָסקאַר?

— איך לויף צו אייער מאַן, מאָרגען טרעפען מיר זיך דאָ אין דערזעלבער צייט.

— פערגעסט נאָר נישט ווידער, וועלכע באַנק עס איז, — האָט זי אַרויסגערעדט און זיי זענען זיך צונאַנגען

אויף מאָרגען האָבען זיי זיך ווידער געטראָפען. ווען אָסקאַר איז געקומען אויף דעם פּלאַץ, איז שוין בעלאַ דאָרט געווען.

— נו, וואָס? רעדט, רעדט, איך שטאַרב פון אומגעדולד, — האָט זי געזאָגט, פערגעסענדיג ענט־פערען אויף זיין בעגריסונג.

— איך האָב געהאַט אַ שרעקליכען טאָג. — האָט אָסקאַר אָנגעהויבען.

— מען זעהט עס, איהר זענט בלאַס און מאָ־גערער געוואָרען, אָבער עס פּאַסט אייך... נו, ווייטער.

— ער האָט געוויינט.

— געוויינט?

— ער האָט געוואָלט אויסטרינקען סם.

— מיר האָבען נישט קיין סם אין הויז.

— ער האָט געוואָלט לויפען דער'הרג'ענען דעם אַפּטייקער.

— אָה, גאָט גערעכטער! — האָט זי אַרויס־גערעדט און פערדעקט איהר פּנים מיט ביידע הענד.

— קוים, וואָס איך האָב איהם איינגערעדט, אַז עס איז נישט דער אַפּטייקער.

— וואָס הייסט נישט דער אַפּטייקער? ווער־זשע איז דאָס געווען?

— איך.

— איהר? אָבער ווי אַזוי איהר? צו וואָס איהר?

— איך האָב איהם דאָך געדאַרפט לייכטער מאַכען די לאַגע.

— איהר האָט איהם געדאַרפט אויך איבער־צייגען, אַז איך בין אומשולדיג.

— דאָס איז געווען גאַנץ אוממעגליך.

— וואָס־זשע האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט דערהערט וועגען אייך?

— ער האָט זיך צעוויינט.

— מעהר נישט?

— ער האָט געזאָגט: „אויב שוין יאָ אַזוי, איז בעסער, אַז דו זאָלסט עס זיין און נישט קיין אַנדערער״....

— וואָס־זשע וועט איצט זיין? — האָט זי איהם אַ פרעג געטון נאָך אַ לאַנגער פּויזע.

— איך ווייס נישט, — האָט ער געענטפערט, — איך האָב איהם געגעבען מיין עהרען־וואָרט, אַז צווישען אייך און מיר וועט מעהר גאָרנישט זיין.

— דאָס האָט איהר גאַנץ רעכט געטון, — האָט זי זיך אָפּגערופען נאָך דעם, אויפהויבענדיג זיך פון דער באַנק און קוקענדיג אויף איהם מיט אַ מאָדנעם שמייכעל האָט זי אויסגערעדט:

— איהר וואוינט דאָך, דוכט זיך, נישט ווייט פון דאַנען? איך וויל זעהן אייער וואוינונג....

פאַרוואָס איז ניקאָלאַי II

(ענדע פון 7־טע זייט).

און יעדער געדאַנק וועגען ראַטעווען דעם צאַר איז אָפּגעפאַלען״.

מיס ביוקענען פערטיידיגט איהר פאָטער פון דער בעשולדיגונג, אַז ער איז געווען געגען אַרויס־פאָהרען פון ניקאָלאַי'ען פון רוסלאַנד „איך ווייס ניט ווער עס איז שולדיג אין דער טראַגעדיע, וועלכע איז שפּעטער פאָרגעקומען אין דעם קעלער פון הויז אין יעקאַטערינבורג, אָבער איך בעהויפּט קאַטעגאָריש: דער שולדיגער אין דעם איז נישט מיין פאָטער, שרייבט מיס ביוקענען — די רוסען, וועלכע שטעמפּלען דעם גוטען נאָמען פון דעם דזשענטעלמען ד. ה. סער דזשאָרדזש ביוקענען) דאַר־פען קודם־כל פערשטעהן, אַז די טראַגעדיע איז פאָרגעקומען אַ דאַנק זייער נישט לאָיאַליטעט צום קייזער און אַ דאַנק זייער פּחדנות. די רוסען דאַר־פען בעשולדיגען זיך און נישט שטעמפּלען אַנדערע.

מיס ביוקענען דערצעהלט ווייטער, ווי שנעל עס האָבען זיך אַרויסגערוקט אין רוסלאַנד, בעת דער רעוואָלוציע, די אָנפיהרער, וועלכע האָבען אַגי־טירט פאַר די שאַרפסטע מיטלען. „אויפ'ן באַלקאָן פון קשעשינסקאַ'ס פּאַלאַץ איז געשטאַנען אַ קליין, דיק מענשעל מיט ברענענדע אויגען און אַ שטי־קעל אייז אַנשטאָט אַ האַרץ, ער האָט פּראָפּאַ־גאַנדירט, פאַר דעם פערגליווערטען עולם, דאָק־טרינעס, וועלכע זענען באַלד אַרומגעפלויגען איבער דער גאַנצער וועלט צוזאַמען מיט דעם נאָמען פון דעם רעדנער.... (דאָס מיינט זי לענינען די רעד.)

אָבער גאָר אומויסט מאַכט מיס ביוקענען, ווי אויך אַ סך אַנדערע אויסלענדער אַזעלכע אויס־פיהרען, אַז נאָר אין רוסלאַנד האָבען זיך געקענט אַרויסרוקען אַזעלכע רעדנער, וועלכע האָבען פּראָ־פּאַגאַנדירט פערניכטונג. אין פערגלייך מיט דעם „מענשעל״ וועלכען עס בעשרייבט אין איהר בוך מיס ביוקענען, קען מען ברענגען אַ פּאָר שורות פון אַן אַלטער פראַנצויזישער בעשרייבונג פון 18. יאָהרהונדערט: „צום המון האָט זיך געווענדעט אַ מענטשעל, כמעט אַ קאַרליק, וועלכער האָט גע־וואויגען אפשר 5 פונט. אויף דעם קליינעם צו־קראָכענעם קערפּערל איז געזעסען אַ נישט פּראָ־פּאָרציאָנעל גרויסער קאָפּ. דאָס פּנים איז, געווען מיאוס און וואולגאַר, עס האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען דער קאָליר פון זיין הויט — אַ בליי־ליכער, ווי ביי אַ [illegible], וועלכער הויבט שוין אָן צו פוילען, די אויגען אָנגעגאָסען מיט בלוט האָבען אויסגעזעהן, ווי ביי אַ משוגענעם. דאָס גאַנצע פּנים אין קנייטשען און אין שפּאַלטען, בעדעקט, מיט פּרישטשעס. דער מענש האָט אויסגעזעהן, ווי אַ שרעקליכער עקעלהאַפטער אויסוואורף פון דער נאַטור, און ער האָט נישט גערעדט, נאָר געוואָיעט, ווי אַ חיה, און פון דעם וואָיען האָט געציטערט פראַנקרייך.״

אַזוי בעשרייבט מאַראַט'ען, וועלכער האָט גע־פאָדערט דעם טויט פון דער קעניגליכער פאַמיליע נאָכ'ן 21 יוני 1791, אַ פראַנצויז פון יענער צייט. נאָך מיט אַ יאָהר צוריק וואָלטען אייך 500 600 — אָפּגעהאַקטע קעפּ געקענט בעפרייען און בעגליקען אויף אייביג — האָט געזאָגט מאַראַט צו דעם המון, וועלכער האָט איהם געהערט מיט ברייט געעפענטע אויגען — איצט דאַרף מען שוין צו דעם צוועק צעהן טויזענד קעפּ און נאָך אין אַ פּאָר חדשים אויב איהר וועט פערזוימען — הונדערט טויזענד. האַקט־זשע! איהר וועט עס טון ריכטיג! פערניכ־טעט ביז צום איינציגען אַלע שונאים פון דעם פאָלק! אויף וואָס וואַרט איהר נאָך?.. דער קאָפּ פון דעם קאַפּעט (לודוויג .16) וועט ברענגען פרייהייט פאַר פראַנקרייך אויף אייביג, שלאָגט־זשע די פער־רעטער! האַקט זיי די קעפּ! הענגט אייערע שונאים אויף די לאַמטערנס!״

די בילדער האָבען אין זיך גרויס ענליכקייט.

ל. ש—סקי.

——:o:——

דער טאַנץ אַרום גאָלדענעם קאַלב.

38) (ראמאן).

אַזוי־אַרום איז דער יונגערמאַן, וועלכען דו האָסט הייגט געזעהן אויפ'ן וואָקזאַל אין נעגרעסאַ, און וועלכען דו האָסט געטראָפען אין רעסטאָראַן־וואַגאָן — נישט קיין אַנדערער, ווי זשאַן נאַרראַן!

— און דעריבער — האָט ראָבערט טרויעריג אויסגערופען — האָסטו מיט מיר פריהער אָפּגע־שפּילט מיט מיר אַ טרויעריגע קאָמעדיע, אַז איך האָב דיר דערעסען, און דאָס לעבען מיט מיר האָט דיר דערעסען, און אַז דו ווילסט אַוועקגעהן פון מיר, כדי צו בעקומען פרייהייט.

— יאָ, ראָבערט, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז כ'האָב דיך ליב, כ'האָב נאָר דיך ליב געהאַט, נישט טראַכטענדיג, אַז צווישען אונז קאָן פאָרקומען אַ שיידונג.

— וואָס הייסט? דו טראַכסט נאָך אַלץ ווע־גען אַוועקגעהן פון מיר? — האָט ראָבערט אויס־געריפען.

— יאָ, אַזוי בעדאַרף צו זיין, מיין ליבער! [illegible] מוז מען אַנדערש איז אוממעגליך! מיר זע־נען אין דער האַנד פון דער פּאָליציי.

דו ווייסט דאָך, אַז מ'שפּיאָנירט אונז נאָך און ס'איז נישטאָ קיין שום מעגליכקייט אַרויסצו־קריגען זיך פון שפּינוועבס, אין וועלכען מיר זע־נען אַריינגעפאַלען.

מיר!

— אַנטלויפען איז צו שפּעט, דער דאָזיגער האָטעל איז אַ טורמע... הינטער דער טיר געפינען זיך אפשר איצט אויערן, וואָס הערען זיך אונטער.

— ביזט גערעכט, סאַלאָמעאַ, — האָט ראָ־בערט שטיל געזאָגט, — דאָ דאַרף מען שווייגען.... קום צו מיר... לאָמיר דיך צוטוליען צום האַרצען, און איך וועל דיר בעווייזען, אַז איך בין אַזאַ מין מאַנספּערשוין, וואָס דו האָסט זיך גאָרנישט פאָר־געשטעלט צו זעהן... איך וועל דיר דערווייזען, אַז כ'בין ווערט צו פערמאָגען אַזאַ לעדי, ווי דו ביזט... איך וויל, דו זאָלסט דערזעהן אין מיר אַ קערפּער, ווי די וואָלסט עס געוועהן, ווען דו וואָלסט געהאַט אַ מענערישע מוסקולאַטור...

אין עטליכע מינוט שפּעטער זענען זיי שוין געלעגען אין די בעטען. דאַן האָט ער שטיל איינ־גערוימט סאַלאָמעאַ'ן:

— מיר דאַרפען ווידער ווערען פרייע מענשען. איך האָב זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַנטשלאָסען אָפּצוגרעניצען זיך פון דעם נפש, וואָס פער'סמט אונז דאָס לעבען, און איך בין גרייט צו בעקעמפען אַלע שטערונגען....

— ביי אונז איז דאָ גאָר איין שטערונג, — האָט סאַלאָמעאַ איבערגעשלאָגען.

— סעסיל, — האָט צוגעגעבען ראָבערט, דאָס איז זי און אך או, וועה וועט טאַקע זיין צו איהר! פונדערסטעזגען (אָבער דאַרפען מיר נישט פער־געסען אָן זשאַק נאַררען. ער האָט בעקומען גרויסע פולמאַכטען און עס גלויבט זיך מיר קוים, אַז ער זאָל שווייגען.

— וואָס זשע רעכענסטו צו טון? — האָט סאַלאָמעאַ אַ פרעג געטון.

— דער קינזשאַל, וועלכער האָט אַדורכגע־שטאָכען אַזוי בערג'ן, וועט בקרוב בעגאָסען ווע־רען מיט פרישע בלוט, פרעג מיך נישט; איך וועל דיר נישט קאָנען זאָגען, אויף וואָסער אופן דאָס וועט קאָנען פאָרקומען, איך האָב נאָך קיין גענויעם פּלאַן נישט. דו מעגסט מיר אָבער זיכער גלויבען, סאַלאָמעאַ, און דו וועסט עס אויך זיכער זעהן, אַז איך פערדין זיך נישט אויף די פאָרוואור־פען, וואָס דו האָסט מיר געמאַכט די פאָריגע נאַכט, אויב איך האָב ביז איצט נישט אַרויסגעוויזען מיין מענערישע דרייסטקייט, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב זיך אין דעם נישט גענויטיגט. איצט אָבער איז עס שוין געוואָרען נויטיג, און דו וועסט מיט דיינע אויגען זעהן, ווי אַזוי איך געה אויס אין קאַמף.

ער האָט זיך דערוואַרט ביז אין אָוונט, און אַנ'אויסגעפּוצטער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבען צוגעהן אין טעאַטער, איז ער אַרויס פון שטוב.

— איך ווייס נישט, ווען איך וועל צוריקקו־מען, — האָט ער ערקלערט סאַלאָמעאַ'ן, — זיי אָבער רוהיג און געדולדיג. איך האָב אָנגענומען אַלע פאָרזיכטס־מיטלען. געה נאָר נישט אַרויס פון האָטעל, ווייל דו ווייסט דאָך, אַז אונזער גאַנץ פערמעגען געפינט זיך לעבען אונז און דו דאַרפסט עס אָפּהיטען.

ראָבערט איידעלשטאַט איז געווען איבער־צייגט, אַז זיין שוועסטער געפינט זיך איצט אין פּאַריז, און אינדערפריה נאָך האָט ער אַרויסגעשיקט אַ דעפּעשע אויפ'ן שפּיריטען אַדרעס פון זיין שוועסטער סעסיל — 17448.

„איך מוז נויטיג זיך דורכשמועסען היינט נאָך 12 ביינאַכט וועל איך אויף דיר וואַרטען אויף דער בריק פון אַלעקסאַנדער דעם 3. אויב דו וועסט בעקומען די דעפּעשע, וועסטו קומען אויפ'ן בע־שטימטען אָרט״.

די דאָזיגע דעפּעשע האָט ראָבערט נישט אונ־טערגעשריבען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז סע־סיל וועט זיך אויף זיכער אָנשטויסען, ווער עס האָט זי אָנגעגעבען.

ביז דער צוזאַמענטרעפעניש מיט סעסיל'ן האָט ער געהאַט אין זיין רשות דריי שעה.

דאָס איז געווען פולשטענדיג גענוג אויף אָפּ־צורעכענען זיך מיט נאַררען.

נאַררען איז פּאַקטיש געווען בערוהיגט אין דער בעציהונג צו סאַלאָמעאַ'ן, און ער האָט זיך איצט גענומען נאָכשפּיאָנירען ראָבערט'ן אַליין.

ער האָט געוואָלט וויסען, וואוהין ער געהט.

ראָבערט איז אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, און אין עטליכע מינוט שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קאַוואַרניע.

ער האָט זיך געמליך געוואָלט איבערצייגען, צי נאַררען נעדרט איהם נאָך.

דערנאָך האָט ער געבעטען זיך דערלאַנגען אַ רייזע־פיהרער, און דעמאָנסטראַטיוו אָנגעהויבען איהם צו בלעטערען, אַזוי אַז נאַררען האָט געקאָנט גענוי זעהן, וואָס פאַר אַ בוך ראָבערט האַלט, הגם ער איז געווען אויף דער אַנדער זייט גאַס.

(פאָרטזעצונג קומט).

הומאר — **דער קונדס** — סאטירע
צוזאמענגעשטעלט דורך א. שארפצינגעל

פאליטיק פון דער וואך.

ביים נארר־פאל שפילט זיך אפ א געהאלדיגע פאליטישע טראגעדיע.

איטאליען איז דארט אריינגעפאלען צווישען די מורא'דיגע אייז־בערג, אפגעריסען פון דער וועלט, שטעהט דארט איטאליען א פערצווייפעלטע, אויס־געשטרעקט די הענד צום הימעל און בעט רעטונג פון הימעל.

דאס ערשטע מאל קוקט מען אין דער פא־ליטיק, אויס אויף רעטונג פון הימעל...

דער טראגישער גענ. נאבילע, וועלכער פער־קערפערט דאס לאנד איטאליען, אויף די שרעק־ליכע, ווילדע, אייז־בערג, אויף דעם נארר־פאל, ווארט געבען, אויף דער רעטונג פון א לופט־שיף.

אלע לענדער האבען זיך דאסמאל געלאזט אויפ'ן געזעג צו ראטעווען די „איטאליא". אפילו סאוויעטען־רוסלאנד קומט צו הילף דער בורזשו־אזער איטאליען.

פאליטיקער קוקען נישט דערויף גלייכגילטיג, ווי מען קוקט אין דער אלגעמיינער וועלט, אז עס האנדעלט זיך וועגען ראטעווען מענשליכע לעבענס, וועלכע האבען זיך מוסר־נפש געווען פאר דער ווי־סענשאפט; פאליטיקער האלטען, אז דער, וואס וועט ראטעווען דעם גענ. נאבילע, דער האלט אפ א גרויסען פאליטישען נצחון — די הערשונג איבער די אייז־בערג.

נישט אומזיסט דערלאזט נישט מוסאליני קיין רעטונגס־עקספעדיציעס פון אנדערע לענדער אויף צו ראטעווען זיין „איטאליע".

אז אפילו צום אייז־קאלטען נארר־פאל, האט זיך אריבער געפעקעלט די הייסע פאליטיק.

פליהען!

(געזונגען פון א טמר'ג)

— וואס זשע ווילסטו טון, בעשערטער,
מיר דאס לעבען צו פערזיסען?
— איך וועל הארעווען, געטרייע,
דו דאס בעסטע זאלסט געניסען.

— ניין, ס'איז ווייניג, חתן מיינער,
נישט דערפאר וועל איך דיך נעהמען.
— איך וועל זעהן, מיין שעהנע כלה,
דיך פאר לייטען נישט פערשעהמען.

— נישט גענוג נאך אלץ, מיין אוצר,
הייסט מיך נאך נישט ווי צו שאצען.
— וועל איך פאר דיר בויען, ליבסטע,
רייכע גאלדענע פאלאצען.

— אך, צוריקגעשטאנען ביסטו,
ביסט פון זעכצענטען יאהרהונדערט.
— כ'הער דיך און איך הייב די פלייצעס
און איך בין אזוי פערוואונדערט.

— אויב דו ווילסט מיר גליק פערשאפען,
זאלסטו פליהען אין די הייכען,
אויב דו ווילסט נישט, קענסט נישט פליהען
קענסטו נישט צו מיר דערגרייכען.

—:O:—

פון אויסלענדישען מארק.

אימפארטירטער הומאר מיט וואלאריזירטען צאל

ס'איז א חלוק

— זאג מיר, ווי אלט איז א מענש, וואס איז געבוי־רען געווארען אין יאהר 1895?
— א מאן, אדער א פרוי?

א שאד.

גאסט צום רעסטאראטאר: איך בעדויער ווירקליך, וואס כ'בין נישט געקומען אין אייער רעסטאראן מיט א וואך פריהער!

רעסטאראטאר: דאס פרעהט מיך זעהר!

גאסט: ווייל דעמאלט איז דער ביפשטיק נאך זיכער געווען פריש.

אין רעסטאראן.

גאסט צום קעלנער: וואס מיינט איהר, איך וועל עסען צום שווייצער? רופט אהער דעם בעלעבאס.

קעלנער: און איהר מיינט, אז ער וועט דאס יא עסען?..

א דאנק...

— בארג מיר 50 מארק.
— כ'האב נישט...
— און איבערהיים?
— א דאנק, אלע זענען געזונד.

וואס מ'דארף האבען.

פראפעסאר אויפ'ן עקזאמין: וואס דארף מען האבען, כדי צו בויפצושטעלען א טעסטאמענט?

סטודענט: א בר מינן און א פערמעגען?

—:O:—

אונזער אמנעסטיע

(אנגענומען אין דער פערטער לעזונג)

אויף דער „קאנגרעס", האט בעשלאסען ארויס־צוגעבען אן אמנעסטיע, פאר אלע וועלכע זענען בעגאנגען פערברעכענס. אונזער אמנעסטיע איז חל: 1) אויף אלע רעדאקציע־נארניקעס, וועלכע האבען אונז פערביסערט די יאהרען; 2) אויף כלל־טוער וואס האבען בנהאלר פערכאפט זייערע בענקלעך; 3) אויף „ליעטניקעס", וואס פריהערן איצט אויף די ראטשעס; 4) אויף פרנס ראובן האפטמאן, אלס אן אנהענגער פון ד״ר רייך; 5) אויף די פרעזעסים: בורווינער און מינצבערג אין זייער „גרויסען" פראצעס; 6) אויף ראטם. ארוו. הייצמאן פאר דער עבירה פון פערבונדען זיך מיט דער „אגודה"; 7) אויף פרנס רוס פאר זיין „אפאזיציע"; 8) אויף „בונד" און „פועלי־ציון" פאר זייער פערשווענדען עטליכע ארבייטער סיים־דעפוטאטען; 9) אויפ'ן יו־דישען טעאטער, פאר'ן געבען דעם עולם צו „קיען שטרוי"; 10) אויפ'ן לאדזער מאגיסטראט, פאר די „גוטע בערינגונגען" פון דער הלואה; 11) אויף דער יודישער „קאלא" פאר די רייסענישען; 12) אויף די קינאס פאר דער פינסטערקייט, בעת די פאר־שטעלונגען; 13) אויף די סוחרים־פעראיינען פאר קאליעטשען די פוילישע שפראך אויף פערזאמלונ־גען; 14) אויף אלע אנגעשטעלטע, וואס זענען היינ־טיגען חודש אין אורלויב.; 15) אויף אלע ווייבער־לעך, וואס האבען געוואלט פעראטען זייערע מענער אין די קור־ערטער, נאר דער ווינטער שטערט זיי און 16) אויף ד״ר רייך, וואס „פערפיהרט"... די עפענטליכע מיינונג.

ווי איהר זעהט איז אונזער אמנעסטיע־פראָ־יעקט זעהר א ברייטער און פון איהם קענען גע־ניסען די פערברעכער פון אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט. מיר זענען זיכער, אז אונזער אמ־נעסטיע וועט יא אלעמען צופרידענשטעלען. למק.

א צוקונפט־בילד.

אויב עס וועלען ווייטער אנהאלטען די קעלטען, וועט מען אט אזוי בעגלייטען מיט ארקעסטערס אזא איינעם, וועלכען עס וועט זיך פערגלוסטען ארויסציכאפען זיך מיט „געפעק" אויף דאטשע.

א בריף פון „זומער"־וואוינונג

ערשטענס שרייב איך דיר, אז מיין „גאס־פאדארוש" מאכט מיר דעם טויט, ער וויל א הוספה, ער טענה'ט, אז אין אונזער קאנטראקט שטעהט בפירוש געשריבען, אז ער פעהדינגט אונז די וואוינונג אויף זומער און מיר וואוינען דארט ווינטער אויך.. און ער איז דאך גערעכט אויך. דו זאלסט אנקוקען די הערליכע נאטור דא, די פעלדער זענען בעדעקט מיט א גערוכטען שניי. די קראהען, וואס פליהען ארום זעהען אויס, ווי שווארצע פלעקען אויף א ווייס־זיידענע שטאף. אי־בער די פעלדער פליהען שליטענס מיט פרעה־ליכע לעטניקעס, אנגעטון אין ברייטע פעלצען מיט טיפע באטעס.

עהערגעכטען זענען דא פארגעקומען „וויש־טשיגעס" אויף נארטעס און שטעל דיר פאר, אז אונזער מאניעק האט בעקומען א פריז, ער האט זיך אבער פערקיהלט, ווייל ער איז געגאנגען צו לייכט אנגעטון: איינגאנצען 2 פאר אונטער וועש דעם וואלענעם אנצוג, א סוועטער, א וואלענעם פוי־לאווער, א באשלאק און איך האב מיר געבארגט פאר איהם א קורץ פעלצעל.

דער וועג צו דער באהן איז פרעכטיג: טיפע שנייען ביז צו די קניען און דער ווינד פייפט און ברומט אזעלכע מעלאדיעס, אז מ'וואלט געקענט א „בלעק־באטאן" טאנצען.

די בוי־בעוועגונג איז אין פולען ברען, מ'פיצ־קלאפט די לעכער פון די דעכער, די שפארעס אין די ווענד, כדי דער ווינד און דער רעגען זאלען נישט האבען קיין לייכטען צוטריט. נעכטען האבען מיר דא געהאט א וואונדערבארער נאטור־ערשיינונג, ס'האט געבלאזען א שטארקער ווינד און פלוצלונג האבען זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען דעכער און גאנצע הייזלעך און זענען זיך אזוי ארומגע־פלויגען, מיט איין ווארט: ס'איז דא אזוי גוט, אז איך האלט שוין באלד נישט אויס פאר גוט־קיים, למען השם, שיק מיר דעם וואגאן קויהלען און א שליטעלע פאר העניעק'ן. למק.

קונצען־מאכער

(א לידעל מיט א קרעכץ)

קונצען־מאכער אין די הויפען,
קיינער לאזט זיי נישט פערבייַ:
אלע לויפען ניכער קוקען
ווער קונצען־מאכער זיי.

קאמעדיאנטען ווילען עסען —
בייסען זי און קיין גלאז;
שלינגען פייער, שלינגען שווערדען,
רוקען טשוועקעס אין דער נאז.

אויף דער קרעטער קען ארטראגען
אט דעם שטייער־פרעס, וואס דריקט,
איז עס טאקע גרויסע קונצען,
ווען ער ווערט נארנישט דערשטיקט...

מאכט דאס מיידעל מיט דעם נתוּד
זייער קונציג און פערשטעלט:
זאגט איהם צו א סך צו געבען
און ער זעהט קיין גראשען געלט...

פישעלע.

ער בעווארענט זיך.

פאהרענדיג אויף א שיף האט איין פאסאזשיר בעמערקט ווי זיין שכן אין דערזעלבער קאיוטע האט זיך אנגעטון אין פרויען־אונטערוועש. פרעגט ער איהם הלמאי ער טוט דאס.

— וואס פערשטעהט איהר דא נישט, — ענט־פערט דער שכן, — ווען עס קומט, חלילה, א שיפ־אומגליק, ראטעוועט מען דאך פריהער די פרויען....

יאפאן און כינע.

— פון וואנען איז געקומען, אז יאפאן לייזט פון קרהה?
— ווייל זי וויל איינעהמען כינע.
— וואס וויל יאפאן פון כינע?
— זי וויל, אז כינע זאל פערשטעהן דעם סייטש פון יא־פאן.

משוגע מעג זי זיין...

יונגערמאן: רעט מיר עפיס א גוטען שידוך!

שדכן: מיט פערגעניגען! אבער צוערשט, וויל איך וויסען, וואס פארא ס'גאל מערעל איהר ווילט.

יונגערמאן: גיט! ערשטענס: מוז מיין כלה זיין געבילדעט, קענען רעדען פערשידענע שפראַ־כען און שפילען קלאוויר... צווייטענס מוז זי זיין א ווירט'ס איינאייציגע טאכטער פון אנשטענדיגע על־טערן! דריטענס, מוז זי זיין זעהר שעהן און גע־שיקט, פערטענס, מוז זי זיין זעהר ווירטשאפטליך, ה. ה. קאנען קאכען, באקען נייען שטיקען א. אז. וו.

שדכן: מיין ליבער יונגערמאן! מיינט איהר, אז א מערעל מיט די אלע מעלות וועט אייך וועלען פאר א חתן? זי וואלט דאך בעדארפט זיין משוגע!

יונגערמאן: משוגע מעג זי זיין...

א נבואה

אין 1978 (כ'בין זיכער)
וועלען געלערנטע לייט
א־שרייבען בערג מיט ביכער
וועגען דער איצטיגער צייט.

און הערען וועט דאן די וועלט
א סופר־זאכען און בת־קול,
אז זי זאל פון אונזער צייט
זיך נעהמען א מוסר־השכל

און מיר וועלען דאן, צווישען
אנדערע וויכטיגע זאכען,
ליגען טיף אין דער ערד
און, אויב מעגליך, לאכען...

מעגסט מיך ליבען.

מעגסט מיך ליבען
זעהר פיל —
ליבען אפען,
אין דער שטיל.

אהן א מאס און
אהן א צאל,
אבי נאר נישט
מיט אמאל.

היינט אביסעל,
מארגען — נאך
בעסער איין מאל
יעדע וואך

און, אויב מעגליך,
יעדען יאהר,
איז אחרוי
גאט ביז נאר.

בענעדע.

ביאגראפיעס.

(פון אונזער לעקסיקאן).

בעטי קעניג.

מען דארף זיך נישט וואונדערן פאר וואס בעטי רופט זיך נישט קעניגען, נאר קעניג. טראגענדיג מיט אזויפיל שיק הויזען, מוז מען הייסען קעניג נישט — גין.

בעטי געהערט נישט צו די שרייענדיגע און טומעלדיגע אקטריסעס. איהר אויפטריט, אויף דער סצענע, איז תמיד א בעשיידענער, דאך איז איהר ערשטער ארויסטריט אויף דער וועלט געווען מיט א קוויטש... די אקושערקע האט דאן איהר מוטער באלד געוואונשען: „מזל־טוב". דאס איז געווען בעטיס ערשטער אפלאדיסמענט.

אין די קינדער־יאהרען, האט בעטי זיך נישט פערנומען מיט טעאטער־שפיל, זי האט דאן בעקומען צוליב דעם, פיל דאנק־בריף.

ווען בעטי האט זיך מיט אן אמת געגוכטען איינרערען, אז זי איז געבוירען פאר'ן טעאטער, האט די וועלט אוש א טרייסעל־געטון. ווער ווייסט צו די וועלט־מלחמה איז נישט צוליב דעם אויסגע־בראכען.

מען דערצעהלט, אז דער גאטזעליגער יצחק זאנדבערג, הערענדיג בעטי'ן זינגען אין זיין כאר, האט ער איהר אמאל געזאגט: ווער בעסער א סופרעטקע, איידער דו זאלסט מיר זינגען אין כאר.

א שאר, וואס בעטי קעניג האט איצט גע־שפילט אין לארז נישט מעהר ווי א חודש. ווען זי שפילט לענגער וואלטען מיר געקאנט פערלענ־גערען איהר ביאגראפיע.

איהר ביאגראפ איז פון איהר שפילען געווען ענטציקט, נאר געה גלויב ביאגראפען.

פרויען.

די וואהרהייט און אלקאהאל קענען פרויען געניסען, נאר ווען מען בעצוקערט עס.

—:O:—

שפאס פון פאמיליען־ווינקעל

עפיס מוז ער ראך.

ערשטע: — ווי געפעהלט אייך? מיין מאן האט דאך אויפגעהערט רויכערען.

צווייטע: — טאקע? וואס זשע טוט ער יא?

ערשטע: — ער טרינקט.

צווייטע: — טרינקען טרינקט ער דאך שוין פון לאנג.

ערשטע: — אצינד גיסט ער אויף די הייסע שטיינער.

אליין דער חתן.

— וואוהין געהסטו אזוי פריה?
— איך געה אויף א חתונה.
— אזוי פריה?
— איך האב א גאנצע נאכט געשפילט קארטען און איצט וועט מיר דאס ווייב אודאי אפשאילען א חתונה.

געפעהרליך.

אלמנות זענען נישט געפעהרליך. א סך געפעהרליכער זענען פרויען וואס ווילען ווערען אלמנות.

ער געדענקט

מ'זשטשע, — ס'ארא יאלר דו ביזט, נאטקע! וואו איז דיין קאפ געווען, ווען דיין ווייב האט דיך צו'מוזיק'ס.

נאטקע. אונטער איהר וואלגער־האלץ.

פערענטפערט א קשיא.

חיה (צו איהר מאן). — פארוואס האט גאט בע־שאפען אדם'ן פאר חוה'?

שמעיה. — פארוואס פערשטעהסטו דא נישט? כדי ער זאל האבען בעפאר א שטיקעל שאנס עפיס צו רעדען.

—:O:—

IWONICZ — ZDRÓJ
PENSJONAT „UCIECHA“
MARJI POLLAKOWEJ

10 מינוט גאַנג מיט'ן טראַטואַר ביז צו די לאַזשענקעס. .·. גרויסע זוניגע און געמיטליכע וואוינונגען. .·. אויסגעצייכענטע היימישע קיך — אויך פאַר געסט, וועלכע גייען צו מענאַזשקעס. 960

פרייז 2 זל. **שנעל און רעעל!** פרייז 2 זל.

רעכטס-קאָנסולטענטען-ביוראָ

„PORADA“-„פּאָראַדאַ“

◆◆◆◆◆◆ 10 פּיעטריקאָווער 10 ◆◆◆◆◆◆

אונטער לייטונג פון אַ ראַנגיערהרטע און רוטינירטע געריכטס-סעקרעטאַר שרייבט אַלערליי ביטען און אַפּעלאַציעס, קלאָגזשאַלעס און זאַבעזפּיעטשעניעס, אינפאָרמירט און שרייבט אין אַלערליי מיליטער-ענינים. אויך איבערזעצונגען אין פרעמדע שפּראַכען. 998

Dr. med.
L. Pikielny
אוראָלאָג
ספּעציעל-אַרצט פאַר
נירען, בלאָזען- און האַרן קראַנקהייטען
Nawrot 8,
telefon 19-90.
נעמט אָן פון 4—7 אין אָוונט

Dr. med.
J. PIK
Wólczańska 57,
elefon 23-77, parter
נערוועז און אינערליכע קראַנקהייטען.
ספּעציעלע היילונג פון נערווען-לײַדן
נעמט אָן פון 12—1 מיטאָג און פון 5—7 אָוונט. פאַר אונבעמיטעלטע רעטשניצע-פּרייזן

מלעטשאַרניע
ביים טעאַטער „GONG“ אין גאָרטען,
16 צעגעלניאַנאַ 16
פריהשטיקען פון 7 אַ זייגער פריה ביז 12 אַ זייגער מיטאָג
a la carte פערשידענאַרטיגע וועגעטאַריאַנישע מיטאָגען
a la carte אָוונטברויטען
דער בופעט איז רייך פערזעהען מיט אַלערליי הייסע און קאַלטע מאכלים. אויסערסט ביליגע פּרייזען.
לאָדעס 60 גר. אַ פּאַרציע.
בעמערקונג: בלינצעס ווי אויך געפּרעגלטע הערינג לויט אַמעריקאַנער אופן שטענדיג הייס.

גע׳וועלשאַפט צו פערשפּרייטען פאַך-קענטענישען ביי יודישע פרויען אין לאָדז
„אַרבייט“ (PRACA)
וואָלטשאַנסקאַ 21, טעל. 67-15
נעהמט אָן איינשרייבונגען:
1) שניידעריי, 2) נייטאַרעריי, 3) האַנד-אַרבייטען, 4) אַנדולאַציע און מאַניקור, 5) קינסטלערישע מאַשין-שטיקעריי.
אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון 9 ביז 1 אַ זייגער און פון 3 ביז 7 אָוונט.

וויכטיג פאַר ה"ה פּריזיערס!!!
צוליב די קאָנקורענץ, ווערען די פּרייזען מיט'ן היינטיגען טאָג בעדייטענד פערקלענערט:

קעלנישע בלומען-וואַסער	3.20	אַ קילאָ
וואַזשעטאַל	1.40	„
ראַזיר-זייף „אָראַ“	6.00	„
בריליאַנטין	3.40	„

פראַנצויזישער לאַקיר 45 גר. אַ דעקאַ.
איך בעזיץ אַ רייכען אויסוואהל פון ראַזיר-מעסערס, פלאַטין און שטאָהל-זאַכען צו פאַבריקס-פּרייזען. מיט אַכטונג
י. דרוקער, זאַוואַדזקאַ 11.
בעמ.: פאַר ענגראָסיסטען — געהעריגער ראַבאַט און גינסטיגע בעדינגונגען.

פראַנצויזישע שרינדען
15 די עכטע צו פאַלקעס ווערען אויסגעפערטיגט נור ביי פרוי צוקער, קאָנסטאַנטינער גאַס

שפּאָרט געלד!
קויפט
שירמס, שטעקענס
נור אין דער ווערקשטעל פון
ס. פייגענבוים, נאַרוטאָוויטשאַ 19
ווייל איהר קענט דאָרט קויפען מיט 25% ביליגער ווי איבעראַל.
אכטונג! עס ווערען אָנגענומען אַלערליי רעפּאַראַטורען און דעקונג.

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט און וענערישע קראַנקהייטען און ליבעס-חיל...
נעמט אָן פון 4—7 אין אָוונט

Dr. HELLER
ספּעציאַליסט פאַר הויט און וענערישע קראַנקהייטען.
2 נאַווראָט 2
נעמט אָן פון 10 פריה, 1-2 און פון 4 ביז 8 אָוו. פאַר פרויען ספּעציעל פון 4 ביז 5 נאָכמיטאָג. פאַר אונבעמיטעלטע רעטשניצע-פּרייזען.

Dr. med.
Wolf Eychner
פרויען-קראַנקהייטען און אַקושעריע
זגערזשער 11 טעל. 34-72
נעהמט אָן אין דער לעטשניצע פּיעטריקאָווער 294 פון 12—2 ... פון 6-8 אָוו.

Dr. med.
NIEWIAŻSKI
Sienkiewicza 34
tel. 59-40.
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-לאָמפּ. נעמט אָן פון 5—9 אָוונט.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים-ספּעצ. און דענטיסטען-קאַבינעט.
פּעטריקאָווער 62, טעל. 31-53.

אינערל. קראַנקהייטען	ד"ר ב. ראַבינאָוויטש / " מ. וואָלפסאָן / " א. מעטענבוים	פון 2½—5½ און 7—8 / " 12—2 / " 4—6
כירורגישע קראַנקהייטען	ד"ר י. שרייבער / " א. פּאַכאַטשעווסקי	פון 2½—4 און 7—8 / " 12—1 און 5—6
פרויען-קראַנקהייטען און געבורטס-הילף	ד"ר ד. אלטערמאַן / " מ. פעלדמאַן / פרוי ד"ר ח. זעלדאָוויטש-קלאַטשקאָ / " נוסבאַום זאַרי מענדעלבוים	פון 11—1 / " 3½—5½ / שבת, זונט. דינסט. דאָנ. 3-5 / זונט. מאָנט. מיט. פרייט. 3-5
קינדער-קראַנקהייטען	ד"ר ס. נוסענטאַג / " ל. פאַמיליער	פון 10—11 און 6—7 / " 12—1 און 4—5
נערווען-קראַנק.	ד"ר מ. מאַשלאַנקאַ	פון 6—7 זונטאָג 1—...
אויגען-קראַנקהייטען	ד"ר י. סטופּאַ / " ס. האַלפּערסאָן	פון 1—2 און 4—5 / 11—12, 6—8 זונט. 12—1
נאָז, האַלז און אויערן-קראַנק.	ד"ר מ. קלאַמשקאַ / " באַל. כאַן	פון 11—1 און 7—8 / " 3½—5½
הויט- און וענערישע קראַנק.	ד"ר ש. ברוין / " י. פּאַלאַמאַרטשיק	פון 12½—3½ / " 6—8
ציין- און מויל-קראַנקהייטען	צאָהן-אַרצט ס. שקאָפּ / " מ. רעזניקאָוויטש / " ב. משודזשאַווסקאַ / " ז. קאַצענבאַוגען	פון 9—10¾ און 8—9 / " 11—1¾ / " 2¼—5 / " 5¼—8

די לעטשניצע איז טעטיג טעגליך פון 9 פריה ביז 9 אין אָוונט.
קוואַרץ-לאָמפּען און רענטגען-בעשטראַהלונג
עס ווערען געמאַכט אָפּעראַציעס, בעשטראַהלונגען מיט קוואַרץ-לאָמפּען עלעקטריזאַציע און אַנאַליזען, קינסטליכע ציינער, קראָנען, גאָלד-בריקען און פּלאָמבען.
וויזיטען אין שטאָדט. נאַכט-דיזשור. נויט-הילף.

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927 r.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź. Pomorska 19.

וואָרנונג!
אזוי ווי עס האָבען זיך בעוויזען אין שטאָט פערשידענע נאָכגעמאַכטע פעלד-בעטען, מאַך איך בעקאַנט דאָס ג' פּובליקום, אַז די
עכט-פּאַטענטירטע **בעטען** עכט-פּאַטענטירטע
זענען פערזעהען נור מיט דער שוץ-מאַרקע
PALMA-PATENT
פאַר וועלכע מיר זענען פעראַנטוואָרטליך ביז 3 יאָהר.
— צו בעקומען איז אַלע געשעפטען. —
אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאַגער אין אַ גרויסען אויסוואַהל
ניקעל-בעטען, אַמעריקאַנקעס,
ניקעל-קינדער-בעטען, קינדער-וועגעלעך,
טיש-בעטען, קינדער-בענקעלעך
מעטער-מאָס, אויף רעדלעך.
מאַטראַצען געבעטע, שאַטקאָווע און קאַנאַדיסקע.
קאָזעטקעס און טאַפּטשאַנעס.
בעמ.: בעטלעך מיט ווענטלעך ווייס אָדער ברוין 17 זל.. פּאָלאָווע בעטלעך 14 זל.
רעעלע בעהאַנדלונג. ⁂ פאַבריקס-פּרייזען. ⁂ זעמטליכע רעפּאַראַטורן.
הערט! לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 24, טעל. 31-85. דעטייל!

זומער-וואוינונג
אין גלאָוונאַ
אויף דער טשיכאַרייקע אויף אַ טרוקענער בערג זאַמדיגער געגענד, 5 מינוט גאַנג פון דער סטאַציע צו פערמיטען. צו ערפאַהרען אויף דער סטאַציע אין בופעט.

אַ פעהיגער
יונגערמאַן
מיט גוטע רעקאָמענדאַציעס בעקאַנט אין טריקאָטאַזש, וועש- און מאַנופאַקטור-בראַנזשע זוכט אַ פּאָסטען געגען אַ מינימאַלען לוין. אָפּפערטען אונטער „F. M.“ אין אַדמ.
964

מאַסאַזש- און הייל-גימנאַסטיק-שולע און קאַבינעט
פון דר. מעד.
ב. שמירגעלד
צעגעלניאַנאַ 6, טעל. 51-89
... נערווען-שמערצען, ... שוואַכע קינדער ... פון 3—5 נאָכמ.

אַ קוואַליפיצירטע אינטעליגענטע
פאַך-אינסטרוקטאָרין
(מאַשין-שטיקערין)
ווערט געזוכט. אָפּפערטען אונטער „K.Ł.“ אין אַדמ.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען און דענטיסטישער קאַבינעט.
בזשעזשינער 11, טעל. 37-63
אָפּען פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.

ד"ר וואָלינסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	3—4
ד"ר קערשנער	קינדער קראַנקהייטען	9-11 3-4½
ד"ר שיפּמאַן	אינערליכע קראַנקה.	11—1
ד"ר לוביטש	הויט- און געשלעכט-קר.	12½—1½
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גימנאַסטיק קר.	1—2
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	12½ —1½
ד"ר עליאַסבערג	כירורגישע-קראַנקה.	1—2
ד"ר בערגסאָן	פרויען און געבורטס-הילף	3—4

ספּעציעל-אַפּאַראַטען, שפּראַך-שטערונגען ... פאַקען-שטעלען, קינסטליכע ... עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. ... אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען ... אַנאַליזען ...

אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.

ד"ר ראָזשינסקי סטאַראָפּאָלסקאַ	צאָהן-אַרצט	10—1 3—6

קינסטליכע ציינער, קראָנען, פּלאָמבען א. א. וו.
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

נייער פאָלקסבלאַט

דאס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

22 פרייטאָג — ד תמוז תרפ"ח

יוני

זון-אויפגאַנג 3.18
זון-אונטערגאַנג 8.00
ליכט-צינדען—7.47

אויפרוף פון „חסד של אמת"

חסד של אמת ומנחמי אבלים איז גוט בע־קאַנט דער לאָדזער באַפעלקערונג. לייִדער ווערט דער פעראיין ווייניג געשטיצט פון די לאָדזער בירגער. די הויכע אויסגאַבען פון פעראיין, דאָס כסדר'דיגע שטייגען פון די הוצאות, און די קליינע הכנסות, צווינגט אונז צו אַפּעלירען צו אייער געוויסען, לאָד־זער בירגער! „כי זה סוף כל אדם", דען דאָס איז די ענדע פון דעם מענש, ווען דו וועסט יעצט נישט אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד דיין ברידער און מיט איהם נישט חסד זיין, וועסטו שוין מעהר נישט קענען מיט איהם גומל חסד זיין. ובמדה שאדם מודד מודדין לו. און ווי ער טראַקטירט זיינע ברי־דער זאָ וועט ער אויך טראַקטירט ווערען. אויף דיר ליגט אַ הייליגער מאָראַלישער חוב מלוה צו זיין דיינע ברידער און שוועסטער אין דיין שטאָט, וועל־כע שיידען זיך מיט דיר אויף אייביג, זיי מקבר צו זיין כדין, נישט צוצולאָזען קיין בזיון המת צו שטיצען די פערבליבענע אַלמנות ויתומים פון דייַ־נע ברידער, מה הקב"ה קבר מתים, אף אתה קבור מתים, מה הקב"ה נוחם אבלים, אף אתה נחם אבלים, מיט דיין פערשרייבען זיך אַלס מיט־גליד פון חסד של אמת ומנחמי אבלים, מיט'ן שענקען לטובת דעם פעראיין ערפילסטו דעם היי־ליגען חוב, וואָס אויף דיר ליגט צו דיינע ברידער און שוועסטער.

שטיץ דעם פעראיין חסד של אמת!

די פערוואַלטונג פון „חסד של אמת ומנחמי אבלים" פון לאָדז.

* * *

די טעטיגקייט פון „ח. ש. א." פאַר די לעצטע דריי חדשים.

דער פעראיין האָט ערטיילט מאַטעריעלע שטיצע 68 פאַמיליען, פון 312 נפשות, אָרעמע אַלמנות ויתומים בשעת שבעה. 310 מאָל בייטאָג און 137 מאָל ביינאַכט איז חסד של אמת" אַרויס־גערופען געוואָרען צו מתים.

דער פעראיין האָט רעלעגירט 312 נאַכט־שמורים צו מתים ר"ל אַהיים, 84 אין די שפּי־טעלער, 38 אין די קליניקעס.

87 קבורה פאַרמאַליטעטען האָט חסד של אמת אַ דורך געפיהרט, 34 אין די שפּיטעלער, 28 אין די קליניקעס. פּלוצלינגע טויט צופאַלען האָט חסד של אמת אַדורכגעפיהרט די פאָרמאַליטעטען און לקבורה געבראַנגט:

פון זעלבסטמאָרדען דורך הענגען זיך 2, דורך אַראָפּוואַרפען זיך פון דער הויך 4, סמ'ען זיך 2, פּלוצלינגע טויט צופאַלען אין דער גאַס 9 און אין ד דערהיים 14 צוזאַמען 31.

רעלעגירט עהרען־דיזשורען אויפ'ן ביה"ח 380 מענער און 172 פרויען.

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, Tel. 26-02.

אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען-און האַרץ-קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען און קינסטליכע ערג-זון. נעמט אָן אין דער לעטשניצע זגערזשער 17 פון 6—7. אין דערהיים פון 3—5 נאָכמיטאָג.

ערב דער גרויסער טעאַטער־סענסאַציע אין לאָדז.

די פוילישע אַרטיסטען זענען בעגייסטערט פון לייוויק'ס גולם. דער רעזשיסער איז ענטציקט פון די לאָדזער קינסטלער

געשפּרעך מיט'ן אויפפיהרער פון „גולם" מאַרק אַרנשטיין

שבת געזעגענט זיך דאָס וואַרשאַווער טעאַטער־פּובליקום אָפּ מיט לייוויק'ס „גולם", וועלכער איז אַזוי אויספּאַזאַנט אויפגעטרעטען אין וואַרשאַווער ציִרק.

מיטוואָך קומט פאָר די פּרעמיערע פון דעם „גולם" אין לאָדזער שטעטישען פוילישען טעאַטער.

אין לאָדז וועט דער „גולם" אויסזעהן נישט, ווי אין וואַרשאַ: „נישט קיין אַרענע־פאָרשטעלונג, נאָר אַ ביהנע־שטיק. און דערפון וועט דער „גולם" שטאַרק אויסשפּילען, — אַזוי אינפאָרמירט אונז ליבענסווירדיג דער הויפּט־רעזשיסער, איבערזעצער און הויפּט־אויפפיהרער פון „גולם" אויף פויליש— מאַרק אַרענשטיין (אַנדזשעי מאַרעק).

„די וואַרעמקייט, האַרציגקייט און אינטימקייט פון וואָרט, ווערט אויף דער גרויסער, פרייער אַרענע צושפּליטערט צוזייהט און אָפּגעקיהלט. דערפון נעהמט זיך דאָס אַלגעמיינע געפיהל פון קאַלטקייט ביי די אַרענע־פאָרשטעלונגען; אויף דער אַרענע קענען אויסגעפיהרט ווערען ספּעקטאַקל־פּיעסען,— מאַסען־סצענעס זענען דאָרט זעהר געלונגען, אָבער שטימונגס־פּיעסען, מוזען האָבען ביהנע־ברעטלעך.

„דער „גולם" איז רייך אין אַלע אויסדרוקען, מען קען פון איהם אַרויס־ פערשידענע קאָנ־צעפּציעס, ניואַנסען. אויב אין וואַרשאַווער ציִרק איז אונטערגעשטראָכען געוואָרען, צוליב די אַרענע בעדינגונגען, די גראַנדיעזקייט, קלאַסישקייט פון דער פּיעסע, די פאָלקס־סצענעס און עס האָבען געמוזט אַרויסגעלאָזט ווערען און פערפאַלען געגאַנגען די אינטימערע האַרציגערע פּרטים, וועט אין דער לאָדזער פאָרשטעלונג אַריינגעטראָגען ווערען דאָס, וואָס עס האָט געפעהלט אין דער וואַרשאַווער.

„אַ פוינעל דאַרף לופט, אַ פיש וואַסער, און קאַפּויער -- איז שלעכט", זאָגט אונזער גאַסט רעזשיסער מאַרק אַרענשטיין: „אַ שטימונגס—פּיעסע דאַרף האָבען אַ ביהנע".

דאָב אויפפיהרען פונ'ם „גולם" אין וואַר־שאַווער ציִרק איז געווען אַן עקספּערימענט. די קריטיק האָט זיך פערשיידען דערצו בעצויגען; אייניגע האָבען געהאַלטען, אַז דאָס איז געווען אַ זעהר געלונגענער פּרוב, אייניגע פערקעהרט. איך האַלט פון בײדע: אי געלונגען, אי נישט געלונגען: די מאָדערנע פּעדאַגאָגיק האַלט פון ערציהען קינדער אויף דער פרייער לופט, אָבער וואָס פאַר אַ מאַמע וואָלט שטענדיג געהאַלטען איהר קינד אויף דער לופט? און צי וואָלט דאָס קינד פון אַזאַ ערציהונג, אַ כך געוואונען? דאָס איז אַ פראַגע? עס איז אַלזאָ נוצליך פרייע לופט און אויך אַ וואַרעמע היים. די קאַלטע אַרענע און די וואַרעמע ביהנע־ברעטלעך...."

פון אונזערע לאָדזער אַרטיסטען איז מאַרק אַרנשטיין ענטציקט.

קודם־כל, זייער בעציהונג צו דער פּיעסע: נישט, ווי צו אַ פּיעסע פון אַ פרעמדער שפּראַך, נאָר ווי צו עפּעס אייגענס, נאָהענטס, אַ וואַרעמע ליבע היימישע האַרציגע בעציהונג. מאַרק אַרנשטיין זאָגט, אַז אויף וויפיל ער האָט אַ שטיקעל חלק אין דעם, וואָס די פוילישע אַרטיסטען נעהמען אויף אַלס אייגענס די יודישע פּיעסען („דבוק", „גולם") פיהלט ער זיך דערפון שטאָלץ!

מאַרק אַרנשטיין האַלט ווייטער, אַז דער אַר־טיסטען־מאַטעריאַל פאַר'ן „גולם" איז אין לאָדז אַ מעהר געלונגענער, ווי אין וואַרשאַ: דעם „גולם" שפּילט דערזעלבער אַרטיסט — קיאָווסקי, וועלכער האָט געשפּילט אין וואַרשאַ, „קיאָווסקי איז פער־ליבט אין זיין „גולם" און דער „גולם" אין קיאָוו־סקי'ן" זאָגט אַרנשטיין.

„פּאַנעצקי האָט אין דער ראָל פון „מהר"ל" אַריינגעטראָגען זיין יונגען־אַרטיסטישען ענטוזיאַזם, מאָדערנקייט און שולע פון סטאַניסלאַווסקי'ס טעַ־אַטער. ער וועט זיין בעסער פון אַרהענטאַוויטשען.

וואָסקאָווסקי אַלס—תנחום—זעהט אויס אויך צו זיין בעסער אַלס דער וואַרשאַווער.

די לוביענסקאַ איז אַן אויסגע'חלומ'טע — דבורה., אויך די ראַמבראָווסקאַ די באָבע איז זעהר גוט אין איהר ראָלע.

די קאָסטיומען (פּראָיעקטען פון פּראָנאַשקאַ און סירקוס) ווערען געבראַכט פון וואַרשאַ.

דעקאָראַציעס פון ה' מאַצקעוויטש. דאָס טעַ־אַטער קאָכט איצט מיט דער ערב „גולם"־פּרעמ־יערע, ווי קיינמאָל נישט פאַר אַן אַנדערער פּרעמ־יערע. די אַרטיסטען זענען זעהר איבערגענומען מיט זייערע ראָלען, מען רעפּעטירט 2 מאָל טעגליך.

דינסטאָג פאַר דער פּרעמיערע וועט אין טעַ־אַטער אינגאַנצען נישט געשפּילט ווערען.

צו דער מיטוואָך'דיגער פּרעמיערע פון לייוויק'ס „גולם" אין היגען שטעטישען טעאַטער גרייט זיך איצט דאָס גאַנצע לאָדזער אינטעלעקטועלע פּוב־ליקום. דאָס לאָדזער פוילישע טעאַטער גרייט זיך צום „גולם", ווי צו אַן'עקזאַמען. דאָס לאָדזער טעאַטער־פּובליקום איז אַ שטרענגער עקזאַמינאַטאָר, דעסטאָ מעהר חשק, ברען און ווילען איז ביי די אַרטיסטען דעם עקזאַמען אויסצוהאַלטען.

טאַטיאַנאַ פּ.

דאס געריכט פערמשפּט א הויזווירט

אונבעדינגט צו רעמאַנטירען זיין הויז.

נעכטען איז אין פרידענס־געריכט פון ערש־טען בעצירק פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען הויז־ווירט פון שענקעוויטש 102 סט. זילבערשטיין פאַר נישט ערפילען די פּאָליצייאישע פעראָרדנונג וועגען אויספּרישען זיין הויז און ברענגען זיין פאַסעסיע אין אַ געהעריגע אָרדנונג. דער אָנגעקלאָגטער האָט ערקלערט, אַז דער נויטיגער רעמאָנט איז פער־בונדען מיט גרויסע קאָסטען און ער איז ביים בעסטען ווילען נישט ביכולת די אויסגאַבען צו דעקען.

דער פערטרעטער פון דער שטאָטישער סטאַ־ראָסטווע האָט אָבער ערקלערט, אַז מיט'ן אָנגע־קלאָגטען פּונקט, ווי מיט די אַנדערע הויזווירטען, איז אין אמת'ן נאָך גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי זיי און זייערע פערטיידיגער פּרובען דאָס פאָר־שטעלען.

דאָס כאַבאָטירען און אָפּשלעפּען דאָס אויפ־פרישען די הייזער מצד די הויז־ווירטען האָט גאָר אַן'אַנדערען אונטער גרונד און נעמליך.

די מאַכט זאָל ערטיילען די הויז־בעזיצער אָהן פּראָצענטיגע הלוואות אויף רעמאָנטירען די נאַכ־לעסיגע הייזער, וואַרטען טאַקע די הויז־בעזיצער אויף די הלוואות און האַלטען זיך דערווייל אָפּ פון רעמאָנטירען צוליב דעם פאַר אייגען געלד.

דער ריכטער האָט דעריבער פער'משפּט דעם אָנגעקלאָגטען סט. זילבערשטיין צו בעצאָהלען 50 זל. געלד־שטראָף און פעראָרדענט גלייכצייטיג דעם אָנגעקלאָגטען דורכצופיהרען ביז'ן 15־טען יולי דעם נויטיגען רעמאָנט. אין געגענפאַל זאָל דאָס טאָן אויף זיין חשבון דער מאַגיסטראַט.

נייע טראַמוואַי־ליניעס.

(כ) דער מאַגיסטראַט האָט אַקצעפּטירט דעם פּלאַן צו בויען 2 נייע טראַמוואַי־ליניעס: איינע — אויף דער ראָמבראָווסקאַ־גאַס, און די צווייטע — אויף נאַפּיערקאָווסקאַ.

א מאַן איז נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם, וואָס קומט פאָר אין דער פרוי'ס געוועלב.

מיט אַ צייט צוריק האָט די אַקציז־מאַכט אין פּאַביאַניץ בעקומען אַ פערטרויערליכע ידיעה, אַז אַ געוויסער קאַטשאַראָווסקי פיהרט אין זיין געוועלב אַ פערצווייגטען האַנדעל מיט בראָנפען.

אויף דעם גרונד איז אין אָנהויב פעברואַר דורכגעפיהרט געוואָרען אַ רעוויזיע אין פערנומענעם דורכ'ן דערמאָהנטען קאַטשאַראַווסקי לאָקאַל און מען האָט דאָרט געטראָפען זיצען ביים טיש אַ קאָמ־פּאַניע פון פינף מאַן און גאַנץ געמיטליך געניסען פון „ביטערן טראָפּען".

דאָס פּאָרפּאָלק מיכאַל און וולאַדיסלאַווע קאַ־טשאַראָווסקי איז צוליב דעם טאַקע צוגעצויגען גע־וואָרען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט און אין סוף אַפּריל איז פאָרגעקומען זייער פּראָצעס אין פּאַביאַניצער פרידענס־געריכט.

אויף דער געריכטס־פערהאַנדלונגען האָבען זיי זיך נישט בעקענט צו דער פאָרגעוואָרפענער שולד און ערקלערט, אַז די פערזאַמעלטע פּערזאָנען זע־נען נישט געווען קיין קונים, נאָר פריינד, וועמען זיי האָבען טאַקע מכבד געווען מיט בראָנפען אָבער נישט פאַר געלד, נאָר צוליב גאַסטפריינדליכקייט.

דאָס זעלבע האָבען אונטער אַ שבועה אויך בעשטעטיגט די אַרויסגערופענע אַלס עדות־געסט.

פונדעסטוועגען האָט דאָס פּאַביאַניצער פרידענס־געריכט נישט אָנערקענט זייערע טענות און פער־משפּט יעדען פון זיי צו 200 זל. געלד־שטראָף. אויפ'ן דאָזיגען אורטייל האָבען זיי דערלאַנגט אַן'־אַפּעלאַציע אין היגען קרייז־געריכט.

אויף דער געריכטס־פערהאַנדלונג, וועלכע איז נעכטען פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון ריכטער קאָזלאַייסקי, האָט דער פער'משפּט'ער מיכאַל קאַ־טשאַראָווסקי קודם־כל נאָכאַמאָל איבערגע'חזר'ט זיי־נע ערקלערונגען וועגען דער „ביפקע" און נאָך צו־געגעבען, אַז דאָס געוועלב, וואו די ביפקע איז פאָרגעקומען איז אַגב נישט זיין, נאָר זיין פרוי'ס. ער איז אַ מייסטער אין אַ פאַבריק און האָט אַ בעזונדערע הכנסה. הגם ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין געוועלב, פונדעסטוועגען קען ער נישט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם, וואָס קומט דאָרט פאָר.

די לעצטע טענה האָט שוין דאָס געריכט יאָ גענומען אין אַכט און מיכאַל'ן בעפרייט פון דער שטראָף, וואָס שייך זיין פרוי וולאַדיסלאַווע קאַטשאַ־ראָווסקאַ איז דער אורטייל פון דער ערשטער אינ־סטאַנץ בעשטעטיגט געוואָרען.

י. א.

צום פריהלינגס-סעזאָן
— קויפט איהר —
אמבילּיגסטען
אָרטיגע און אויסלענדישע
קאָסמעטיק,
פערפומען,
בעמיקאַליען
די פרישסטע מינעראַל=וואסערן
און אַפּטייק=סקלאַר פון
מאַגיסטער-פאַרמאַציע
K. Stock
19 Zawadzka 19
Telefon 41-02.

אכטונג!
ספּעציעל פאַר אפּרייזענדע
אין דארף!
בעזאָרגט אייך ביי אייער אַפּרייזע מיט אַ שאַכטעלע, וואָס ענטהאַלט נויטיגע מיטלען אַלס שנעל־הילף, ווי: יאָדינע, וואַטע, וואַלעריאַן־טראָפּען א. ז. וו. דער פּרייז פון די שנעל־הילף־שאַכטעלעך איז פון 2 זל. אָן.

„אררט" האָט פעריע.

(אַ פּאָר אָבשידס־ווערטער.)

די שענסטע מעלה פון גרויסען קינסטלער איז זיין בעשיידענהייט.

און אויב מען וויל עפּיס שרייבען וועגען „אררט" צוליב דעם שליסען פון דעם ערשטען סע־זאָן, קען מען בשום אופן נישט פערשווייגען די גרויסע בעשיידענהייט, וואָס צייכענט אויס דאָס קליינע קונסט־טעאַטערל.

נאָך יאָהרען לאַנגע שטילער צוגרייטונג, נאָך אַ שווערען גראַנגעל מיט אַלע עקזיסטענץ־שוועריגקייטען, וואָס יעדער שעפערישער אַקטיאָר מוז דורכמאַכען — האָבען זיי ערשט דעם לעצטען ווינ־טער, אָהן טאַראַראַם אָנגעהויבען זייער קונסט־ווערק דעם עולם צו דעמאָנסטרירען.

און—איצט, ווען כמעט אַלע לאָדזער טעאַ־טערס שטרענגען זיך אָן צו געווינען דעם עולם מיט פּל'ערליי קינסטלערישע ספּעקולאַציעס, געזעגנט זיך מיט דער עפענטליכקייט בראַדערזאָנס טעאַטערל מיט זיין בעקאַנטער בעשיידענהייט, כדי מיט זיין געוואוינטער „אררט"-התלהבות פאַרצובערייטען אין רוה די קינסטלערישע אַרבייטען פאַר דעם קומענ־דען ווינטער־סעזאָן.

פערפאַלען! אפשר וואָלט טאַקי גלייכער גע־ווען נאָך ווייטער צו שפּילען ובפרט, ווייל דאָס לעצטע 7־טע פּראָגראַם האָט געמאַכט אַ גוטע קאַסע.

דאָס טעאַטער ברויכט דאָך געלד. אַ סך געלד. עס ווערט איצט רענאָווירט, נייע דעקאָראַציע־איינ־ריכטונגען ווערען געמאַכט, נייע עלעקטרישע אַפּאַ־ראַטען זענען בעשטעלט.

אָבער די „אררט"־חבר־ה טאָר נישט שפּעקו־לירען: זי ווייסט ווי גרויס די פאָדערונגען פון פּובליקום זענען לגבי דעם „אררט".

דאָס „אררט"־פּובליקום פערלאַנגט אַ פאַרטיג קינסטלעריש ווערק.

און כדי דאָס צו שאַפען מוז מען אָנגורטען זיך די לענדען, אַ צייט רוהיג שטודירען, מוז מען וואַקסען, מוז מען שטאַרקען די כוחות! דען נאָר אויף דעם אופן איז עס מעגליך געווען אין ער־שטען ווינטער 7 פולקאָמענע קינסטלערישע פּראָ־גראַמען צו געבען.

7 פּראָגראַמען!

אַליין די צאָהל קלינגט, ווי אַ סימבאָל. דאָס איז בעשטימט נישט קיין צופאַל: 7—דאָס איז עפּיס אַבגערונדעטעס, פולקאָמענעס.

7 טעג איז אַ וואָך!

7 זעלכע גוטע פּראָגראַמען אין איין סעזאָן איז אַ אוצר פון גרויסער קינסטלערישער ענערגיע, איז די סומע פון שטאַרקען פלייס און ווילען פונ'ם „אררט"־אַנסאַמבל אין ערשטען יאָהר פון זיין ווירקען.

*

לייִדער מוז איך שוין צוריק פאָהרען נאָך בערלין, און ס'וועט מיר, צוליב דעם, נישט בע־שערט זיין צו זעהן די „אררט"־חבריה אין קינפטי־גען ווינטער. פון דעם אָבער, וואָס איך האָב גע־זעהן, און געהערט, קען איך בעשטימט פּרויזיכע־רען, אַז פונ'ם „אררט"־טעאַטער וועט לאָדז נאָך נחת און וואונדער דערלעבען.

דאָס גרויסע יודישע פּובליקום, וואָס האָט איבערנאַכט דערלעבט דאָס ענטשטעהן פון אַן'אמת'ן יודישען קינסטלער טעאַטער וועט אויך ווייטער מיטהעלפען, אַז פון דער קליינער קינסטלער־מתנה, זאָל אויסוואַקסען דאָס קינסטלערישע פאָלקס־טעאַ־טער, אָהן וועלכען קיין פאָלק קאָן זיך נישט בעגעהן!

איך, און אַלע מיינע קאָלעגען, וואָס זענען פערשפּרייט אויף די פרעמדע ביהנעס, ווינשען אייך, חברים פון „אררט", אַז איהר זאָלט אויס־האַלטען דעם שווערען קאַמף ביים שאַפען דאָס נייע יודישע טעאַטער, דען אייער ערשטער קינסט־לערישער ווינטער, גיט אונז די האָפנונג, אַז די יודישע געזעלשאַפט קען זיך אויף אייך פערלאָזען.

אַלעקסאַנדער מאַרטען.

פּאָבאָר פון יאָהרגאַנג 1907.

(מ) מאָרגען דעם 23. יוני קומט פאָר אין לאָדז דער פּאָבאָר פון די יונגעלייט, וועלכע זענען געבוירען אין יאָהר 1907 און די יאָהרגענג 1883 ביז 1904, וועלכע זענען נאָך ביז איצט נישט געשטאַנען פאַר קיין פּאָבאָר-קאָמיסיע; די מיט „אָדראָטשעניעס" פון 1905 און 1906, ווי אויך די פרייוויליגע פון די יאָהרגענג 1908, 1909 און 1910.

מאָרגען דאַרפען זיך פאַר דער קאָמיסיע נומער 1 (פּאָמאָרסקא 18) שטעלען די יונגעלייט פון 1907, וועלכע וואוינען אין 8-טען קאָמיסאַריאַט און וועמענס פאַמיליען-נעמען ס'הויבען זיך אָן מיט די אותיות M, N, ביז Nob.

אין דער פּאָבאָר-קאָמיסיע נומער 2, (אָגראָראָווא 34) דאַרף זיך מאָרגען שטעלען די געבוירענע אין 1906, וועלכע האָבען „אָדראָטשעניעס" צייטווייליג נישט פעהיגע וואוינען אין 13-טען קאָמיסאַריאַט אויף די אותיות: פון A ביז J איינשליסליך.

צו דער פּאָבאָר-קאָמיסיע נומער 3 (זאַקאָנטנא 82) דאַרפען זיך מאָרגען שטעלען אַלע געבוירענע אין 1907, וועלכע וואוינען אין 7. פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט אויף די אותיות: פון A ביז I איינשליסליך

די אויבענדערמאָהנטע דאַרפען זיך שטעלען פּינקטליך 8 אַ זייגער מיט פּערזענליכע דאָקומענטען.

קר.-קאַסע אין טושין.

(ט) דעם 25. ד. ח. עפענט די קראַנקען-קאַסע אַן'אָפּטיילונג אין טושין, אויף קאָשטיעלנא נומער 1 צו דער לעטשניצע וועלען געהערען: טושין, קרוזשאָוו, טשאַראַטשין, און ושנאָוו.

אַלע אַרבייטס-געבער פון די ערטער דאַרפען אַריינשרייבען זייערע אַרבייטער אין דער לעטשניצע.

דער סכסוך
אין דער מעטאַל-בראַנזשע.

כדי צו ליקווידירען דעם סכסוך אין דער מעטאַל-בראַנזשע, האָט דער קרייז-אינספעקטאָר וואַיטקעוויטש איינגעלאַדען אויף שבת אַ געמיינזאַמע קאָנפערענץ פון די אַרבייטסגעבער און אַרבייטער-פאָרשטעהער.

מאַגיסטראַט
לייגט ב"ה נישט צו.

(מ) לויט'ן באַריכט פון דער פינאַנץ-אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט, האָבען די הכנסות אין חודש מאַי דערגרייכט אַ סומע פון 5,177,753 זלאָטעס, און די אויסגאַבען 4,893,644.

די פליגען זענען שולדיג,
אַז זיי ווילען דוקא זיין ראָזשינקעס...

(מ) די קאָמיסיע צו קאָנטראָלירען דעם סאַניטאַרען צושטאַנד אין די בעקערייען האָט בעשטראָפט פאָלגענדע בעקעריי-אינהאַבערס אויף נאַוואַזשעווסקי 34, קילינסקי 142, 158, 216, אויף גלובנא 2, 38, 42, 56, ראָקיציניער 10,12, 13, 20, 25, 55, זשעלאַזנא 17, לאַגעוניצקאַ 4, 7, 9, 16, זאַווישא 17, 28, אַלעקסאַנדראָווסקא 4, 6, 63.

די בעשטראָפטע וועלען אויך צוגעצויגען ווערען צו געריכטליכע פעראַנטוואָרטליכקייט.

מאַשין דערהרג'עט אַן אַרבייטער

(—) אין דער פאַבריק פון „ווירזשוער מאַנופאַקטור" איז געכטען פאָרגעקומען אַ בלוטיגער פאַל: בעת דער אַרבייטער יאַן דראַטווא האָט געוואָלט אויסשמירען די מאַשין, האָט איהם אַ טראַנסמיסיע-פאַס מיטגעכאַפּט און איהם אַרויפגעשליידערט מיט'ן גאַנצען כח אויף אַ צווייטער מאַשין, אַזוי, אַז, איידער די אַרבייטער האָבען זיך בעוויזען צו אָריענטירען איז שוין טראַטווא געלעגען מיט אַ צעשמעטערטען שאַרבען.

דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר האָט קאָנסטאַטירט דעם טויט.

זעלבסטמאָרד.

(—) דער אַרבייטסלאָזער יוזעף קאַספּראָוויטש האָט שוין מיט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען מיט זיין אָרימען לעבען און ער האָט בעשלאָסען איינמאָל פאַר אַלע'מאָל דערמיט אַ סוף צו מאַכען. נעכטען אין אָוונט האָט ער אין זיין וואוינונג אויף וואַקאַושעווסקא 35 אויסגעטרינקען אַ גרעסערע דאָזע זאַלץ-וואַסער. פּאָגאָטאָוויע האָט איהם אין אַ זעהר שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

די גריפּע-עפּידעמיע.

(ט) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטאַרקער גריפּע-עפּידעמיע אין אונזער שטאָדט, האָט דער הויפּט-דאָקטאָר פון דער קראַנקען-קאַסע ה' טאָמאַשעווסקי דער היגער פּרעסע ערטיילט פאָלגענדען אינטערוויו.

— אַלע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען טרעטען אַרויס אין דער עפענטליכקייט אין געוויסע צייט-אָפּשניטען, וועלכע לאָזען זיך ליידער נעוויסערמאַסען נישט פאָראויסזעהן.

די יעצטיגע גריפּע-„גאַסטראָל" איז, ווייזט אויס, אויך אַ פּראָדוקט פון אַן'עפּידעמישען צייט-אָפּשניט, וועלכע איז נישט אָפּהענגיג פון די אויסערליכע בעדינגונגען

— ווילט מען וויסען, זאָגט ווייטער ד"ר טאָמאַשעווסקי די גרויס פון דער עפּידעמיע, אַזוי איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין משך פון דער היינטיגער וואָך בלויז האָט די קראַנקען-קאַסע פערנאָטירט בּיז 12000 פאַלען פון גריפּע צווישען איהרע מיטגלידער.

דער דורכשניטליכער דאָקטוירים-וויזיט ביי די גריפּע-קראַנקע וואַקלט זיך צווישען 1000 און 1200

— איינגענטליך, זאָגט ווייטער ד"ר טאָמאַשעווסקי, קען מען קיין פערזיכערונגס-מיטלען געגען דער גריפּע נישט אָנעהמען, ראָך, איז אַ יושר, אַז מען זאָל וואָס ווייניגער זיין ביי גריפּע-קראַנקע.

די שטערבליכקייט פון דער גריפּע, איז זעהר אַ קליינע אַזוי אַז מ'קאָן איהר אפילו מיט קיין בעשטימטען פּראָצענט נישט פערצייכענען.

—:o:—

דורך אַן אומגליכען צופאַל
אַליין זיך דערשאָסען אויף טויט.

(—) נעכטען אין אָוונט, בעת דער ציוויל-געקליידעטער פּאָליציאַנט פון 3-טען קאָמיסאַריאַט, דער 27-יעהריגער יאַן וולאָדאַרסקי איז אויף זיין ראָווער פערבייגעפאָהרען דעם רעסטאָראַן פון גערנאָוויטש'ן אויף בזשעזשינער 17, האָט ער עפּיס בעמערקט, ווי דער רעסטאָראַן איז בעלויכטען מיט אַן'עלעקטריש טאַשען-לעמפּעל, וואָס עס איז איהם פאָרגעקומען פערדעכטיג.

וולאָדאַרטשיק האָט דעריבער געלאָזט זיין ראָווער פאַר דער טיר, און אַליין איז ער אַריין אין רעסטאָראַן, וואו ער איז געוואויער געוואָרען, אַז דאָס לעמפּעל ברענט צוליב דעם, וואָס די עלעקטרישע אינסטאַלאַציע איז קאַליע געוואָרען.

בינו לבינו האָט זיך וולאָדאַרסקי אַוועקגעזעצט ביי אַ טישעל און זיך געהייסען דערלאַנגען אַ גלאָז זאָדע-וואַסער.

אויסטרינקענדיג דאָס וואַסער האָט וולאָדאַרסקי פון דער הויזענטאַש געוואָלט אַרויסנעמען דאָס טאַשען-טיכעל, וועלכעס האָט זיך אָבער אומגליקליכערווייזע פערטשעפּעט אין'ם צינגעל פון זיין רעוואָלווער. דער רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסען און איהם שטערבליך פערוואונדעט אין מאָגען און אין די לונגען.

די אַרויסגערופענע פּאָגאָטאָוויע פון „לינת-הצדק", האָט איהם אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל אויף דרעוונאָווסקא, וואו ער איז נאָך אַ האַלבער שעה געשטאָרבען.

וולאָדאַרסקי האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קינדער.

מיט זיין לויה פערנעהמט זיך דער דריטער קאָמיסאַריאַט.

געדאַווענט און געהוליעט,
דאָס ווייבעל געטוליעט, און אין קאָזע זיך אַריינגעקוליעט...

(—) אין אַ שעהנעם זונטאָג אין דער פריה איז אירענא שמירט אויפגעשטאַנען, אָפּגעוואַשען זיך, אָנגעטאָן דאָס יום-טוב-קלײדעל און זיך געקליבען געהן מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע אין קאָשטשאָל אַריין קיין זשגעזש.

אונטערוועגנס האָט זיך צו דער קאָמפּאַניע אויך צוגעטשעפּעט דער 25-יעהריגער לעאָן בלאָך, וועלכער האָט זיך אויסגעוויזען פאַר אַ מענש מיט אַ ברייטער האַנד און מיט נאָך אַ ברייטער האַרץ.

צוריקגעהענדיג פון קאָשטשאָל, האָט זיך די גאַנצע קאָמפּאַניע פערקליבען אין אַ קנייפּע, וואו מ'האָט זיך איבערגעריבען און איבערגעשווענקט די מאָגענ'ס; נאָך דעם האָט בלאָך בעקומען אַביסעלע מוט און אָנגעהויבען דער שמירט בעשיטען מיט קאָמפּלאָמענטען פון זאָוובען ביז אַראָפּ און אַזוי ערנאָך זענען זיי שוין געבליבען אונטערשטעליג פון דער גאַנצער איבריגער געזעלשאַפט.

אין אַ געוויסען מאָמענט, ווען בלאָך'ס קאָמפּלימענטען זענען שוין דער שמירט נוט אין דער נשמה אַריין, האָט ער זיך געוואָרפען אויף איהר און איהר געוואָלט פערגוואַלדיגען.

אירענא שמירט האָט אָנגעהויבען שרייען און דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט נעכטען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק אין געריכט, וואו בלאָך האָט בעקומען 2 יאָהר אויסבעסערונגס-הויז.

איינגעפאַלענע רושטאָוואַניע
פערוואונדעט שווער פיער אַרבייטער.

(2) נעכטען איז אויף טאַרנאָווא 2 פאָרגעקומען אַ שרעקליכער פאָרפאַל, ביי די אַרבייטער, וועלכע האָבען געאַרבייט ביים רעמאָנטירען דאָס הויז. די אַרבייטער האָבען אויפגעשטעלט אַ רושטאָוואַניע, און אַז זיי האָבען איהר שוין געהאַט צוגעצויגען צום דריטען שטאָק, איז פּלוצלונג די גאַנצע רושטאָוואַניע איינגעפאַלען און פערשיט הינטער זיך דעם 32-יעהריגען אַרבייטער ריטשאַרד פרענצעל פון נאַווראָט 66, דעם 19-יעהריגען יאַן מרובקא פון ניסקא 9 און דעם 19-יעהריגען טאַדעוש קאָשטשעניקי פון ניסקא 7.

אַלע זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען.

גענעדיגט דעם לעהרער-סעמינאַריום.

(מ) היינטיגעס יאָהר האָבען צווישען די 35 אַביטוריענטקעס פון לעהרער-סעמינאַריום געענדיגט 3 יודישע קינדער; פרל. ש. ענגעל, ז. קאָרמאַן און ט. זילבערבערג.

אין די אַפּטייקען
היינטיגע נאַכט-דיזשורען.

(2) מ. ליפּיעץ (פּיעטרקאָווער 193); ע. מילער (פּיעטרקאָווער 46); וו. גראָשקאָווסקי (קאָנסטאַנטינער 15); ק. פּערעלמאַן (צגעלניאַנאַ 64); ה. ניעווראָווסקי (אַלעקסאַנדראָווסקא 37); און ס. יאַנקעלעוויטש (אַלטער מאַרק 9).

ראַטעוועט די האָר.

אפילו די, וועלכע זענען גענצליך ליסע קענען אויך בעקומען שעהנע האָר, בענוצענדיג דעם באַלזאַם צו האָר-וואַקסען, וואָס פערהיט פון האָר-אויספאַל, פערניכטעט שיפּען, בעוויינט דאָס ביי-סען פון קאָפּ און ערוועקט צום לעבען די אָבגעשטאָרבענע האָר וואָרצלען. עמפּפעהלט

Skład Apteczny i Perfumerja
H. HERMALIN Piotrkowska 11.

שילער-לעגיטימאַציע
אויף די טראַמוואַיען.

(ט) די לאָדזער טראַמוואַי-דירעקציע האָט פעראָרדענט צו האַלטען פאַר גילטיג די שול-לעגיטימאַציע פון די שילער פון פאָלקס- און מיטעל-שולען אויך בעת די פעריען, ביז'ן 1. אָקטאָבער.

געריכטס-נערוועז.

(—) ויצענדיג אין קאָרידאָר פון פרידענס-געריכט, האָט דער 42-יעהריגער פראַנציזשעק וויסאָצקי פון גראַבאָווע 16 פּלוצלינג בעקומען אַ נערוועז-אַטאַק, די אַרויסגערופענע פּאָגאָטאָוויע האָט איהם ערטיילט הילף.

געשטאָרבען אויפ'ן וואָקזאַל.

(—) נעכטען האָט אַן'אומבעקאַנטער מאַנספּערשוין אין דער „פּאָטשעקאַלנע" פון קאַלישער באַהנהויף בעקומען אַ האַרץ-אַטאַק מ'האָט אַרויסגערופען פּאָגאָטאָוויע, נאָר איידער פּאָגאַטאָוויע איז געקומען איז דערוויל דער אומבעקאַנטער געשטאָרבען.

זומער-שפּרענקעלער!

געלע פלעקער, אָבגעברענטקייט בעזייטיגט אין משך פון אַ פּאָר טעג אונטער גאַראַנטיע פאַר די ווירקונג ADA, פרייז פון אַ סלאָיק קרעם 2 זל. צו בעקומען אין

סקלאַד אַפּטעטשנע פון
H. HERMALIN Piotrkowska 11.

מעמאָריאַל וועגן קליינע דירות.

(ט) ווי בעוואוסט וועט פונ'ם 1. יולי אָן געהעכערט ווערען דאָס דירה-געלר אויף 1 און 2 צימער-וואוינונגען, פאַר וועלכע מען פלעגט ביז איצט צאָהלען נאָר 43 פּראָצענט פון דעם פאַר מלחמה'דיגען דירה-געלט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבען די פאַבריקס רעלעגאַטען אויף אַן'אַלגעמיינער פערזאַמלונג בעשלאָסען אַרויסצוטרעטען צו דער מאַכט מיט אַ מעמאָריאַל, אַז צוליב'ן קריזיס אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע זאָל אויפגעהאַלטען ווערען דאָס געזעץ וועגען שוץ פון די לאָקאַטאָרען פון די קליינע דירות.

„טאָז-צוזאַמענפאָהר.

(ט) דעם 24 און 25 ד. ח. קומט פאָר אין וואַרשא אַ צוזאַמענפאָהר פון די דאָקטוירים פון „טאָז", מיט רעפעראַטען אויף דעם צוזאַמענפאָהר וועלען אַרויסטרעטען די לאָדזער דאָקטוירים: ראַדזשיראָוויטש, קיילסאָן, אוריסאָן, שיפּמאַן, וואַלפסאָן און קראַוש.

סיום
אין די פאַך- און אָוונט-שולען.

(מ) זונטאָג דעם 24. וועט פאָרקומען די פייערליכע שליסונג פון דעם שול-יאָהר אין די פאַך-שולען און אין די אָוונט-שולען. די פייערונג וועט זיך אָנהויבען זונטאָג אינדערפריה מיט אַ גאָטעסדינסט, אין שטעטישען טעאַטער וועלען שפּעטער צוטיילט ווערען די ציינגנישען.

ב. צ. צוקערמאַן פאָהרט קיין ווילנאָ.

די אויסשטעלונג פון פּאַלעסטינער קינסטלער בן ציון צוקערמאַן אין דער לאָדזער שטאָדטישער גאַלעריע איז געשלאָסען געוואָרען. די אויסשטעלונג איז רייך בעזוכט געוואָרען און איז אַדורך מיט אַ גרויסען מאָראַלישען און מאַטעריעלען ערפאָלג. די פּריוואַטע זאַמלונגען פון די לאָדזער קונסט-ליבהאָבער זענען בערייכערט געוואָרען מיט אַ רייהע פּרעכטיגע ווערק פון טאַלאַנטפולען מאַלער.

איצט פאָהרט ב. צ. צוקערמאַן קיין ווילנא, וואו ער וועט דורכפיהרען שטודיעס פון די ווילנער יודישע אַלטערטימליכקייטען און וועט מאָהלען אַ סעריע בילדער פון ירושלים דליטא.

היינט און מאָרגען
דאַווענט חזן קוסעוויצקי אין „פילהאַרמאָניע".

היינט פרייטאָג-צונאַכטס און מאָרגען שבת אין דערפריה וועט דער וועלט-בעריהמטער חזן משה קוסעוויצקי דאַווענען מיט אַ גוט - איינשטודירטען כאָר אין דער „פילהאַרמאָניע". חזן קוסעוויצקי ווערט היינט צו טאָג פערעכענט צו אונזערע בעסטע חזנים און זיין פּראַכטפולע לירישע שטימע בעגייסטערט די גרעסטע נגינה-מפונקים. אומעטום, וואו חזן קוסעוויצקי דאַווענט ציהט ער צו מיט זיינע תפילות אַ ריזיגען עולם און זיין דאַווענען בלייבט לאַנג אין זכרון.

אויך ווי, „היינטיגער און מאָרגעדיגער אויפטריט אין „פילהאַרמאָניע" ווערט ערוואַרט מיט גרויס אינטערעס און עס איז צו גלויבען, אַז די פילפערערער פון קוסעוויצקי'ן וועלען פערפולען די „פילהאַרמאָניע" ביז'ן לעצטען פלאַץ.

„אָט דאָס איז לאָדז"
רעוויע אין שטאָטישען זומער-טעאַטער

אין שטאָטישען פּוילישען זומער-טעאַטער (סטאַשיץ-פאַרק) וועט דעם 29-טען ד. ח. פאָרקומען די פּרעמיערע פון אַ גרויסער רעוויע א. ג. „אָט דאָס איז לאָדז". די רעוויע איז געשריבען דורכ'ן בעקאַנטען לאָדזער זשורנאַליסט און פעליעטאָניסט רער. גוסטאַוו וואַסערצוג. פאַר'ן צושויער וועט דורכגעהן אונזער שטאָט און אַלע איהרע כאַראַקטעריסטישע געשטאַלטען, פּערזענליכקייטען, טיפּען און אייגענאַרטיגקייטען. די מוזיק איז ספּעציעל צוגעפּאַסט צו דער רעוויע. אין דער אויפפיהרונג בעטייליגען זיך די בעסטע אַרטיסטישע כוחות פון שטאָטישען טעאַטער, ווי זניטש, שובערט, פּאַבישיאַק א. א.

נאָר ביז מאָנטאָג דעם 25 יוני 1928 צווייטער גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!

22 אַקטען 2 בילדער אין איין פּראָגראַם! 22 אַקטען

1) דער ריבלינג פון דער פּאַרשטאָט

גרויסע לעבענס-דראַמע אין 12 אַקטען מיט COLEEN MOOR אין דער הויפּטראָלע.

2) דאָס שראַנגער-פרייליין

פרעהליכער פאַרס אין 10 אַקטען מיט **Corinne Griffith** אין דער הויפּטראָלע.

אַנאָנס: קירצליך גרויסע פּרעמיערע „דער ראַפינירטסטער גנב פון דער וועלט" מיט **Lucjano Albertini** אין דער הויפּטראָלע.

קינאָ „סירענאַ"

KINO TEATR „SYRENA"
ŁÓDŹ ALEKSANDROWSKA 37 TEL 49-48

אַלעקסאַנדראָווסקאַ 37, טעל. 48-49.
סימפאָן. אָרקעסטער. דער זאַל איז מעכ. ווענטילירט

7 פּערזאָן אומגעקומען אין אַ דאָרף־שׂרפה.

(2) אין דאָרף וואָליאַ־יאַנקאָווסקאַ (לאָדזער וואָיעוואָדזשטווע) איז אויסגעבראָכן אַ שׂרפה ביים דאָרפס־איינוואוינער סטאַשאַ נאָוואַק.

בעת דער שׂרפה זענען אומגעקומען די גאַנצע פאַמיליע נאָוואַק: 7 פּערזאָן פאָטער, מוטער, צוויי שוועסטער, זוהן, 3־יעהריג אייניקעל און דינסט־מיידעל און אַ פאַראָבעק.

עס זענען אויך אומגעקומען אַלע בהמות, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דעם שטאַל.

די שׂרפה איז אויסגעבראָכן 1 אַ זייגער ביי־נאַכט, ווען דאָס גאַנצע הויז איז פעסט געשלאָפען, דאָס פייער האָט אין איין רגע אַרומגעכאַפּט דאָס הויז אַרום און אַרום, אַזוי, אַז ווען די שטוביגע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געוואָלט אַרויסלויפען, האָבן זיי נישט ווי עס זעהט אויס גלייך געטראָפען צו דער טיר. די פענסטער זענען געווען פעסט געשלאָסען מיט לאַדענס.

פון דרויסען האָט מען צו דער ברענענדיגער שטוב אויך נישט געקענט צוקומען.

דאָס פייער האָט אַלזאָ אומגעבראַכט אַלע מענשען אינעווייניג.

גלייכצייטיג זענען אומגעקומען אַלע בהמות, דער גאַנצער לעבעדיגער אינווענטאַר אין דער שטאַל. אויך די פערכוואונגען האָט דאָס פייער אַרומגעכאַפּט אין איין רגע, אַזוי, אַז מען האָט נישט געקענט אָפּראַטעווען אפילו די אומגליקליכע בהמות.

צוליב דעם, וואָס די שׂרפה האָט אויסגעבראָכן אין עטליכע ערטער פון נאָוואַק'ס גוט מיטאַמאָל, איז ענטשטאַנען דער חשד, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אונטערצינדונג, אַ נקמה־אַקט.

די פּאָליציי פיהרט אַ שטרענגע אויספאָרשונג אין דעם ענין.

סכסוך ביי די טראַנספּאָרט־אַרבייטער.

(2) ווי מיר דערוויסען זיך האָט דער פעראיין פון די טראַנספּאָרט־אַרבייטער אַרויסגעשטעלט אַ הוספה־פאָדערונג פון 25 פּראָצענט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרויסגעשטעלטער פאָדערונג, וועט היינט פאָרקומען אַן אַלגעמיינע קאָנ־פערענץ צווישען קרייז־אַרבייטס־אינספּעקטאָר ה' וואָיטקעוויטש מיט די אונטערנעהמער און טראַנס־פּאָרט־אַרבייטער.

געשטרויכעלט ביי ליכווע...

(2) נעכטען איז אַרעסטירט געוואָרן דער סעקרעטאַר פון פרידענס־געריכט צו קעמפען געגען ליכווע, סטעפאַן אָסטראָווסקי, ביי וועלכען ס'איז ענטדעקט געוואָרן אַ רייה מיסברויכען.

אָסטראָווסקי איז איינגעזעצט געוואָרן אין טורמע אויף מילשע גאַס.

שיער אַ געשלעג

צווישען עלטערען און לעהרער.

(2) אין אָקטאָבער 1927 איז אין לאָקאַל פון דער פאָלקס־שול נומער 3 (קאָנסטאַנטינער 27) פאָרגעקומען אַן עלטערען־פערזאַמלונג.

בעת דער פערזאַמלונג זענען די עלטערען זעהר שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען דעם לעהרער־פערסאָנאַל, עס איז אַפילו שיער דערגאַנגען צו אַ געשלעג.

די לעהרער האָבן אָנגעגעבען אין געריכט די עלטערען, וועלכע זענען מעהר אַקטיוו אַרויסגעטרע־טען געגען די לעהרער.

פאַר'ן פרידענס־געריכט, זענען נעכטען גע־שטאַנען פרוי אַלפרעדאַ אַנטשאַקאָווא און ה' בראָ־ניסלאַוו מיטשיעלסקי ביידע בעשולדיגטע זענען פער־משפט געוואָרן אויף צו 2 חדשים טורמע.

מען האָט דערווייל די בעשולדיגטע געלאָזט אויף דער פריי פאַר אַ קויציע פון 2000 זלאָטים.

מען זוכט אַ יורש.

(ב) דער לאָדזער מאַגיסטראַט האָט בעקומען אַ מיטטיילונג פון'ם פוילישען גענעראַל־קאָנסול אין טשיקאַגאָ, וועגען אַ ירושה, וועלכע עס איז גע־געבליבען נאָך אַ געוויסען אַנטאָני ראָבעק. אַלס יורש האָט דער פערשטאָרבענער אָנגעוויזען אויף דעם לאָדזער בירגער סטאַניסלאַוו אַבאַטשיאַק, זיין אַדרעס איז אָבער נישט בעוואוסט.

צוליב דעם, וואָס די ירושה איז אַ גאַנץ בעדייטענדע זוכט דער מאַגיסטראַט דעם גליקליכען יורש.

מ'פאָהרט מיט די וועגעלעך

און מען סעקוועסטירט פאַר'ן אומזאַץ־שטייער.

(ס) אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס דעם 15־טען ה. ח. איז שוין אָפּגעפלאָסען דער טערמין פון איינצאָהלען די צווייטע ראַטע פון אומזאַץ־שטייער פאַר'ן יאָהר 1927, האָט די „איזבאַ סקאַר־באָוואַ" בעקומען אַן אויפפאָדערונג פון פינאַנץ־מיניסטעריום, ענערגיש איינצומאָהנען די דערמאָנטע, פערלענגערטע שטייערען ביז'ן 1 יולי ה. י., די „איזבאַ־סקאַרבאָוואַ" שיקט דעריבער אַרויס צוזאַמען מיט די סעקוועסטראַטאָרען, סקאַרבאָווע וועגען, אויף וועלכע ס'ווערען באַלד אויפגעלאָדענט די סעק־וועסטירטע חפצים און סחורות.

דער קאָנפליקט אין דער בוי־אינדוסטריע.

(ב) ווי מיר דערוויסען זיך וועט מאָנטאָג, דעם 25־טען ה. ח. פאָרקומען אַ קאָנפערענץ צווישען די היגע בוי־אונטערנעהמער מיט'ן אַרבייטס־אינספּעק־טאָר, אויף וועלכער ס'וועט אַרומגערעדט ווערען דער קאָנפליקט אין דער היגער בוי־אינדוסטריע.

סיום־פייערונג פון דער מעדעם־אָווענד־שול.

אין לאָקאַל פון דער מעדעם־שול, ציגעל־גאַס 17, איז פאָרגעקומען אַ סיום־פייערונג פון דער אָווענד־שול א. נ. פון מעדעם.

אין דער פייערונג האָבן זיך בעטייליגט די שילער, לעהרער פון דער אָווענד־שול און דעלע־גאַציעס פון געזעלשאַפטליכע און אַרבייטער־אינ־סטיטוציעס, וועלכע האָבן בעגריסט די סיום־פייערונג.

נאָך די בעגריסונגען האָט דער עולם געמיטליך זיך געוויילט ביז אין דער פריה.

ביי די סאָציאַליסטישע לוין־וועבער.

די לוין־אַקציע ביי די לוין־וועבער פון וואָ־לענע טיכער, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין סאָציאַ־ליסטיישען האַנדווערקער־פעראיין, זאַכאָרניאַ 66, ענטוויקעלט זיך גינסטיג, דער גרעסטער טייל פאַבּ־ריקאַנטען, ווי: פיינבערג, סאַפירשטיין, ריקערמאַן און אָפּאָטשינסקי, האָבן שוין אונטערגעשריבען די לוין־פאָדערונגען, איינגעהענדיג אויך אויף אַלע סאָציאַלע פערזיכערונגען. אַ חוץ דעם זענען אויך דערלעגט געוואָרן די 6 פּראָצענט. ס'זענען דאָ אויסזיכטען, אַז דער שטרייק זאָל די נאָהענטסטע טעג ווערען איינגאַנצען פערענדיגט.

היינט ווערט ערלעדיגט דער סכסוך מיט די טראַמוואַי־אַרבייטער

(ס) ווי מיר האָבן שוין מיטגעטיילט, האָ־בען די מיטגלידער פונ'ם מאַגיסטראַט חיצע־פרע־זעס ראַפּאַלסקי, לאַווניק איזרעבסקי און אינוס. לעבענהאַפט זיך געווענדעט מיט אַ בריף, אַז אויף דער זיצונג פון דעם אויפזיכטס־ראַט זאָל געשטעלט ווערען די פראַגע וועגען דעם סכסוך מיט די טראַמ־וואַי־אַרבייטער.

נעכטען האָבן די מיטגלידער פון מאַגיסטראַט בעקומען אַן ענטפער, אַז די זיצונג פון דער פער־וואַלטונג קומט פאָר היינט.

היינט וועט, אַלזאָ, ענטגילטיג ערלעדיגט ווע־רען די פראַגע וועגען סכסוך פון די טראַמוואַי־אַנגעשטעלטע.

טראַמוואַי 7

פאָהרט שוין ווייטער.

(ט) נעכטען האָבן אָנגעהויבען קורסירען טראַמוואַיען אויף די פערלענגערטע טראַמוואַי־ליניעס פון ריימאָנט־פּלאַץ אויף ראָמבראָווסקאַ גאַס ביז קילינסקאַ.

אויף דער פערלענגערטער ליניע קורסירט דער טראַמוואַי נומער 7, וועלכער פאָהרט מיט די גאַ־סען: טראַמוואַיאָווע, נאַרוטאָוויטש, פּיעטרקאָווער, ריימאָנט פּל. ושגאָווסקאַ, ראָמבראָווסקאַ ביז קי־לינסקאַ.

לוין־אַקציע פון בוי־אַרבייטער.

(ב) אין די טעקסטיל־פאַבריקען אַרבייטען אַ 3000 בוי־אַרבייטער, וועלכע זענען אויך אַרויסגע־טרעטען מיט אַ לוין־אַקציע.

די אינדוסטריעלער האָבן אויך פאַר די בוי־אַרבייטער אָנערקענט די הוספה פון 6 פּראָצענט, וואָס עס בעקומען די טעקסטיל־אַרבייטער.

שיער פערברענט געוואָרען.

(—) אויף קאָנסטאַנטינער 72 איז נעכטען פאָר־געקומען פאָלגענדער פאָרפאַל, וועלכער האָט זיך שיער נישט געענדיגט זעהר טראַגיש:

פרוי חיה פאָלניק האָט עפּיס געמייסטערוועט איבער אַ פּרימוס־מאַשינקע און פּלוצלינג האָט דער נאַפט עקספּלאָדירט, אַזוי אַז די פרוי האָט זיך באַלד פערוואַנדעלט אין אַ לעבעדיגען פאַקעל.

אויף די געוואַלדען פון דער פרוי איז אָנגע־קומען צו לויפען דער זוהן, וועלכער האָט נישט פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין און אַרויפוואַרפענדיג אויף דער מוטער אַ קאָלדרע האָט ער דאָס פייער איינגעלאָשען.

פערמאַסקירטער באַנדיט

בערויבט פּאַסאַזשיר'ען אין מיטען וועג.

(2) נעכטען אַרום 9 אַ זייגער אין אָווענד, בעת דער 55־יעהריגער פוהרמאַן יוזעף זאַט איז מיט זיין פּאַסאַזשיר איגנאַצי אַראַטאָוו, אַרורכגע־פאָהרען דעם וואַלד, אויפ'ן וועג קיין וויעלון, איז פּלוצלינג פון וואַלד אַרויסגעשפּרינגען אַ רויבער, מאַסקירטער באַנדיט און דראָהענדיג די דורכפאָה־רענדע מיט אַ רעוואָלווער האָט ער ביי זיי צוגענומען אַ גרעסערע סומע געלד.

נאָכ'ן בערויבען האָט דער באַנדיט פערבונדען ביידע פּאַסאַזשירען מיט די לייצעס, אַ שמיץ געטאָן די פערד, און די בריטשקע איז ווייטער געפאָהרען.

באַלד דערויף איז אָנגעקומען אַ צווייטע בריטש־קע און דער באַנדיט האָט ווייטער אויסגעפיהרט דאָ זיין שטיקעל אַרבייט, נאָר דאָס מאָל שוין מיט אַ קלענע־רען ריוח, ווייל ביי ביידע פּאַסאַזשירען האָט דער באַנדיט סך־הכל געפינען 5 זל.

די בעפאַלענע האָבן וועגען דעם געמאָלדען דער פּאָליציי אין וויעלון, וועלכע האָט אָנגענומען ענערגישע שריט דעם באַנדיט צו כאַפּען.

מעלדונגען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַרויסטריט פון „התאחדות" פון די ליגעס פאַר'ן ארץ ישׂראל, איז קומט פאַר שבת, ד. 23 ה. ח. פּינקטליך 7 אָוענד אין לאָקאַל פון „פּועלי־ציון" פאַר. מיט צ. ס. פּ.) פּיעטר־קאָווער 83. אַ רעאָרגאַניזיר־פערזאַמלונג פון אַלע חברים פון דער ליגע. 130

חברים און חברטעס קומט פּינקטליך.

פאַר'ן קאָמיטעט פון דער ליגע פאַר'ן ארב. א"י — לאָדז.

האַנדווערקער!

דינסטאָג דעם 26. ד. מ. 7 אַ זייגער אין אָווענד אָרדנען מיר איין אין לאָקאַל פון מאַגאַזין־שניידער מייסטער־פעראיין אַלעע 1 מאַי נ. 2 אַ פּראָטעסט־מיטינג געגען די הויכע שטייערען וואָס מען האָט אַרויפגעלעגט אויף די האַנדווערקער־מיטגלידער און סימפּאַטיקער ערשיינט מאַסענווייז.

994 האַנדווערקער־צענטראַלע זאַוואַדזקאַ 5.

ציוניסטען־רעוויזיאָניסטען־פערבאַנד אין לאָדז.

די פערוואַלטונג פון דעם ציוניסטישען־רע־וויזיאָניסטישען פערבאַנד אין לאָדז מאַכט בעקאַנט, אַז עס איז איינגעאָרדנעט געוואָרען אַ רעוויזיאָ־ניסטישען „סעמינאַריום" אונטער דער ליטונג פון די ח"ח סאָרער; הערשקאָוויטש, וועלכער וועט פאָרקומען יעדען שבת 6,30 אָווענד אין אייגענעם לאָקאַל אַלעע 1 מאַי 16 פראָנט 2. שטאָק.

דער ערשטער רעפעראַט וועלכער קומט פאָר־מאָרגען, שבת, דעם 23 ד. ח. ה. י. 6,30 אָווענד. אין אייגענעם לאָקאַל, וועט רעפערירען ח' סאַנדער. צום ענדע פון רעפעראַט קומען פאָר דיסקוסיעס, אויף דעם אויבענדערמאָנטען רעפעראַט ווערען אויפגעפאָדערט אַלע אונזערע חברים צו קומען. איינגאַנג פאַר סימפּאַטיקער פריי.

גלייכצייטיג מאַכען מיר בעקאַנט, אַז ביי דעם אויבענדערמאָנטען פערבאַנד איז געוואָרען געעפענט אַ קורס פון העברעאישע לעקציעס אונטער דער לייטונג פון ח' העלמאַן. איינשרייבונגען ווערען אָנ־גענומען דינסטאָג, דאָנערשטאָג, שבת פון 8—10 אָווענד. אין סעקרעטאַריאַט פון קורס. 134

די פערוואַלטונג.

דער גאַנג פון וואָלענעם־טיכער־שטרייק.

ביי פיל פאַבריקאַנטען דויערט דער שטרייק ווייטער, און פיל פאַבריקאַנטען האָבן שוין בעשטע־טיגט די פאָדערונג ווי די פירמא: פיינבערג, סאַ־פער/זשטיין אָפּאָטשינסקי, ריקערמאַן, לאַנדאַו, און ראָזענבערג. ביי די אויבענדערמאָנטע פירמעס האָט מען צוגעטרעטען צו דער אַרבייט. 125

דער לוין־וועבער־מייסטער־פעראיין בושעושינער 7.

רעליגיעזע אַרבייטער־פּאַרטיי „פּועלי אמוני ישׂראל", לאָדז וושכאָדניאַ 66.

זונטאָג פ' חקת (דעם 23 יוני) פּינקטליך האַלב 9 אָווענד קומט פאָר אין זאַל „איראָפּעיסקי" אַ גרויסער מאַסען־פערזאַמלונג א. ד. ט. „דאָס פּראָבלעם פון רעליגיעזער טעכטער־ערציהונג" (אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאָהענטער גרינדונג פון אַ בית־יעקב־שול אין אַלטשטעטישען ראַיאָן). מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען די ח"ח: י. ל. אָר־לעאַן (וואַרשא) ד. ה. זילבערשטיין, ראַטמאַן יעקב בילליויער, פּרנס צערערבוים פּאַלעק לאַנדענבערג און דער. א. נ. פרידענזאָן.

בילעטען צו 20 און 30 גר. צו בעקומען אין אונזער לאָקאַל און אין טאָג פון דער פערזאַמלונג ביי דער קאַסע פון זאַל. 131

אשרי אדם שומע לי!
לשקד על דלתותי יום־יום כי הולך בתום ילך בטח

אין אַז דו דאַרפסט ערלעדיגען סאַנדאָוועזאַכען, זאָלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביוראָ

17 פּעטריקאָווער 17

דורכגאַנג זאַכאָרניאַ 52, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאַפט געשריבען לויט'ן אויסטאָוו אַלערליי ביטעס קלאַוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אַ' פוילען, אַפּעלאַציעס צי־ווילנע און קאַרנע אַפּאָזיציעס, אַדוואָ־קאַניעס, רעקורסען וועגען דירה און אויסאָנד־ראָזשיעמטשי, וועגען פּעסער און קאָמיסאַריאַט־רזשאָנדו און אַלע פּאָליציי־בעצירקען, אַקטען אינטער־ציזיעס, אַקטען דאַראַוויזנעס, קאַרנע ספּראַוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. ספּעציאַליסט פון שותפות־אַקטען מיט אַכטונג י. מאַנעלאַ, רעכטס־קאָנסולענט.

אַ געוועלב

אין הויף אויף פּעטריקאָווער 60 צו איבערגעבען ערקונדיגען זיך אין צייטונגס־קאָנטאָר ביי נ. וויגאָגראַד אין וועלבען הויז.
987

ענטשולדיגונג

דערמיט ענטשולדיג איך זיך פאַר דער פערוואַלטונג פון טראַנספּאָרט־אַרב. פעראיין פיליע 1 פאַר נישט אויס־פיהרען די בעשלוסען פון פעראיין און אַרויסרופען אַוואַנטורעס אין ראַיאָן. איך פערזיכער, אַז אַזעלכעס וועט שוין מעהר נישט גע־שעהען.
974

העניק מאַרעל

אַ שותף

ס'ווערט פון זאָפאָרט געזוכט אַ קוואַליפיצירטער פאַכמאַן פון קוכען־ווירטשאַפט אָהן געלד. צו ערפאָהרען

12 לאַגעווניצקאַ 12

פּריימאַן.

צו פערדינגען
זומער־וואוינונגען

אין אַרקאָוו, 5 מינוט פון דער סטאַציע לאַסק, נעבען וואַלד. אַ הילצערן־הויז פון 4 וואוינונגען צו 1 צימער און קוך, צו דערוויסען זיך אויפ'ן אָרט ביי
141
מושינסקי.

צו פערמיטען פון זאָפאָרט אַ געוועלב

קילינסקיעגאָ 67 צו ערפאָהרען ביים פּריזיער

ס'ווערט געזוכט

אַ פריילין צו דאַמען־בעשטעלט

אויך אַ מעדעל צום לערנען פון אַנשטענדיגע עלטערן.
Zgierska 30 w oficynie
GROSMAN.

Zaginiony został weksel na sumę zł. 60 płatny 8/7 1928 w Sosnowicah wystawca T. Dafner na zlecenie J. Dafner. -Weksel powyższy zostaje unieważniony. Znalazca zechce takowy zwrócić do Braunera, Kamienna 3, w piekarni.

ביליג צו פערמיטען
אַ פראָנט־צימער

אויף פּאַסיג פאַר אַ שניידע־רין צו ערפאָהרין אויף נאַרוטאָוויטשאַ 47, אין ערשטען געוועלב

אַ מיידעל

פון אַנשטענדיגע עלטערען וואָס זאָל קענען זיין אין גע־שעפט און גלייכצייטיג פיה־רען די ווירטשאַפט ווערט פון זאָפאָרט געזוכט, צו ערפאָהרען אין אַדמי־ניסטראַציע.
978

קאָאָפּעראַטיווע סוחרים־ און פאַבריקאַנטען־באַנק

פּיעטריקאָווער 41

ערלעדיגט זעמטליכע באַנק־אָפּעראַציעס אויף זעהר גוטע און צוגענגליכע בעדינגונגען. עס ווערען אויך ערטיילט זאַליטשקעס אויף אינקאַסאָ.

די באַנק איז טעטיג פון 9 ביז 2 אַ זייגער נאָכם.

MECHANICZNY ZAKŁAD BEDNARSKI
B. Michalskiego
Łódź, Napiórkowskiego 7
(GÓRNY RYNEK).

עמפּפעהלט איינריכטונגען פאַר פאַרבעריי'ען, אַפּרעטורען און גערבערייען ווי אויך דעמבענע פעסער און זעמט־ליכע אַרבייטען וואָס האָבן אַ שייכות מיט'ן בעדנער־פאַך. סאָלידע און פּינקטליכע אויספיהרונג. קאָנקורענץ־פרייזען אויף בעקוועמע בעדינגונגען.
112



CZARY
הײנט און פאלגענדע טעג!
גרעסטע טראגעדיע פון יודישען לעבען! ::: צום 1-טען מאל אין לאדז!

דער געשמדטער ישיבה-בחור
טראַגעדיע, וואס יעדער יוד מוז בעוואונדערן. („געטטא") טראגעדיע, וואס יעדער יוד מוז בעוואונדערן.

אין דער הויפט-ראלע דער גרעסטער יודישער טראַגיק

BERN ALDOR i Frida RICHARDS

ספעציעל צוגעפאסטע מוזיק מיט יודישע נגונים. קינאָ איז גאָרטען
באמערקונג: ביי אַשעהן וועטער די לעצטע 2 סעאנסען
אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען די פרייזען אויף אלע פלעצער צו 50 גראשען.

Grand-Kino
ס'גאנצע 18 אקטען! הײנט און פאלגענדע טעג! דאפעלטער רעקארד-פראגראם!

1) „אלאמא די טאכטער פון די ימים" מיטרייסענדע דראמע — אין 10 אקטען. —
אין די הויפטראָלען: GILDA GRAY די בעריהמטעסטע טענצערין פון אמעריקא, WARNER BAXTER, PAREY MORMONT א. א.

2) „דאס אומשולדיגע מיידל מיט טעמפעראמענט"
אין די הויפטראָלען: MARION DAVIES, GEORGE ARTUR, MATT i MOORE

זונטאג און יום-טוב אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען די פרייזען פון די פלעצער פון 50 ג"ר. אָן.
ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' קאַנטאר.

רעפארמאציע-פילען.

מיט דער מארקע גייסטליכער בעקאנט פון יאהר 1602 רעגולירען דעם מאָגען, שיצען פון רעוומאַטיזם, לעבער-ליידען, נעגען דיקקייט, אַמרעטיזם, דאס קומען בלוט אין קאפף, שטילען די יסורים פון העמאראאידען, רייניגען דאס בלוט און באַנייגונגען צו אָבסטרוקציע — א ניגמטיגע דורכרייניגונגס-מיטעל.

צונעמען 1 אָדער 2 פילען א נאכט.
פרייז פון א שאכטעל 1.35. אויסטרבייטונג פון דער אפטייק

Karczewski, Tuszyński, Warszawa, Trębacka 4
צו פערלאַנגען אין די אַפטייקען און סקלאַדען מיט'ן „גייסטליכען" (Zakonnik).

Dr. med. STUPEL
Szkolna 12

ספעציאַליסט פאר הויט-, האָר- און וענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואכע, ליכט און ראָק. רענטגענשטראהלען און קוואַרץ-ליכט, עלעקטראָ-טעראַפּיע.
נעמט אָן פון 12 ביז 3 נאכט. און פון 6 אָווענד ביז 9 אי

פפלעגט דיא הויט
מיט דיא וועלט בעריהמטע פון צעהנדליגער אהרען זייף און קרעם
„HERBA"
פון ד"ר אבערמייער
וועלכע מאכען גלאט דיא הויט און ניבען אשענע קאליר פון פנים
און בעזייטיגען: זומערשפראָצען, דיא רויטקייט און הארטקייט פון הויט.
פאדערט אין אלען אפטייקען, דראגעריען און פארפומעריעס

PARK „SIELANKA"
59 PABJANICKA 59
איז ערעפענט פאר לודקע-פאהרט
טעגליך פון 1 נ.מ. דער פארק איז צו פערמיטען פאר געזעלשאפטען און שולעס אויף גארטען פערוויילונגען און אויספלוגן.

נייעס! פעלדבעטען נייעס!
מיט ספרענזשינעס
פון די נייעסטע ערפינדונגען מיט דער מארקע „Renoma" זאָלט איהר אלע פאָדערן.
הויפט-פערקויף אין דער טאַפּעציר-ווערקשטעל
5 J. JACHIMEK 5
STARY RYNEK
פאר די קוואַליטעט — לאַנגיעהריגע גאַראַנטיע!

GIMNAZJUM MĘSKIE
z prawami gimnazjów państwowych
L. SZAKINA w ŁODZI. 18 PIOTRKOWSKA 18
ביטעס פון נייע שילער נעמט אן די קאַנצעלאַריע פון גימנאזיום פון 10 ביז 12 פאַרמיטאג.

געדענקט איינמאל פאר אלעמאל!
נאר טעל. 36-69
Szybka Pomoc Krawiecka
ul. PIOTRKOWSKA 110 (אין הויף)

אויפפרישען אַנ'אַנצוג זל. 2.80 א קלייד 2,60 מיט'ן אָפּנעהמען און אָפּשיקען. פארבען, כעמיש-וואשען, רעפעראטורען, איבערארבייטונגען און קינסטליך-צערעווען. אלץ ווערט אויסגעפערטיגט אין א קורצער צייט. אויף יעדען טעלעפ. פערלאַנג שיק איך ארויס שיק-יונגע
דער אַנשטאַלט איז טעטיג פון 5 פריה ביז 1 ביינאכט

Hallo! Hallo ! Dzwoń telefon 63-30
Wystrzegaj się nieudolnych naśladownictw.
Nie oddawaj garderoby Twej do firm niefachowych.
„Pogotowie Krawieckie KIERSZA", 91 Żeromskiego 91.
Odświeżamy

garnitur za zł 3. (z odebraniem i odesłaniem) Pranie chemicznie, farbowanie

Suknie za zł. 2.80 (z odebraniem i odesłaniem) nicowanie, przeróbki, reperacje i sztuczne cerowanie

Zakład czynny od 5 rano do 1 w nocy. 747

ס'ווערט געזוכט
גוטע קוואליפיצירטע קראַוואַטען = נייערינס
מעלדען זיך אין דער קראַוואַטען - פאבריק
פינהאסיק
קאנסטאנטינער 38.

איך קויף און ערקויף מעבעל
דיוואנעס, פעלצען, ניי-מאשינען, גארדעראבען, מאמאַ-יארען א.ז.וו. און צאהל די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאַן נאַרוטאָוויטשאַ 19 (דזיעלנאַ)
(29 אין מעבעל-געוועלב, יפריוואט-יאוינג שענקעוויטש ביי מיר איז שטענדיג דאַ פערשידענע גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.



HEMOROIDY
STAN ZAPALNY · KRWAWIENIE · SWĘDZENIE
USUWA
HEMORIN-KLAWE

לעטשניצע „זדראָוויע"
פון דאקטוירים-ספעציאַליסטען
אויף נאַוואָמיעסקאַ 3 (ווסכאדניאַ 13) טעלעפאָן 37-76.

אינערע קראַנקהייטען	ד"ר קראַוש	3—4, זונטאג 10.30—11.30
נערווען קראַנקהייטען	ד"ר בראַניסל פרענקעל קלאַזנער	12.30 – 1.30, חוץ פרייטאג שבת, זונטאג 11—12
אויגען און קינדער קראַנק	ד"ר אלהסנד, מאַרגאַלים	2—3 אחוץ זונטאג, דינסטאג.
אינערליכע קראַנקהייטען	ד"ר ביאַלסקי, קאַץ, לעווי, ראַי הענריך	9½—11½ זונטאג 9½—11; 12—1 זונטאג 2—12; 4½—3 זונט. 1—2; 11—12 זונטאג 11—12
קינדער קראַנקהייטען	ד"ר מאַלאָוויעיסקי אריס, מאַשלאַנ א, פרעבנער	11—12.30, 3—5, ז. 12—2; 1.30—2.30, זונט. 10.30—12; 5—6.30, זונטאג 9—10.30
כירורגישע קראַנקהייטען	ד"ר גאָלדמאַ, פעריליס	טעגליך 2—3; 12-1.30, 6-7.30, זונט 11-1
פרויען קראַנקהייטען	ד"ר אראָנסאָן, איינעראָווא	12—1, זונטאג 12—1; 10.30-11.30, דינסט. 1.30-2.30
נאַז, האַלז און אויערען קראַנקהייטען	ד"ר ראַבינאָוויטש	12—2, זונטאג 12—1.30
הויט און וענערישע קראַנקהייטען	ד"ר פאלק, יאנעבערג	3.30—4.30, זונטאג 9—10; 11—12, זונטאג 11—12
רענטגענאלאָג	ד"ר יילסאָ	3 - 7
ציינערצטליכע אנאליזען	ד"ר מ. כאצעז	

וויזיטען אין שטאט. :-: פאקען-שטעלען. :-: רענטגענאָגראפיע. :-: זעמט-ליכע דורכשטראַהלונגען (קוואַרץ-לאַמפען). :-: אלערליי אנאַליזען און אונטערזוכונגען
די לעטשניצע איז טעטיג טעגליך פון 8.30 פריה ביז 7.30 אָווענד.
זונטאַג פון 8.30 ביז 2 א זייגער נאכמיטאג.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאַליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי	נאַז האַלז, אויערען קר.	10—11 2—3 6—7
ד"ר רושאנסקי	הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—2
ד"ר גאָלדשטיין-פאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	1—2 7—8
ד"ר יוסמאַן	נערווען קראַנקהייטען	12—2
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	10—12 4—5
ד"ר פאַפּיערני	פרויען און געבורטס-הילף	11½-1 5—6
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייט.	4-5 זונ. 1—2
ד"ר ווייגבערג	אינ. הערץ לונגען-קר.	11-1 5½—7
ד"ר סטופעל	רענטגען	10—12 4—6
א. גראַדזענשיק	צאהן-ארצט	3—7
נ. ראָזעס	צאהן-ארצט	9—2

צאהן-טעכנישע ארבייט, באלייכטונגען, קוואַרצען, מאַסאַזש א. א. ח. ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
א רענטגען-אינסטיטוט
היילונג פון הויט קראַנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגענשטראַהלען, פאר בעשטראַהלונג און דורכלייכטונגען, קוואַרץ-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטראָליזאציע, אלע מעגליכע אנאליזען. א קורס פאר שטאמלער. אימפּונגען געגען שוואַרצע (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאכמ.
די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאג.
וויזיט אין דער שטאט.

ערצטליך-קאסמעטיש. גאבינעט
פראָל. מ. מאַרקוס נעהמט אן פון 5—7 אווענד

איבעראשענד נייעס פאר דאמען און הערען!
נאר פאר 2.50 זלאָטים ווערט איבערגעמאַכט און איבער געפאַסאָנירט דאַמען און מענער-היטען ווי אויך קינדער-היטען פון גאר אלט ווערט געמאַכט גענצליך ניי, לויט די נייע מאָדעלען און פאַסאָנען פינקטליכע אויספיהרונג און רייעלע בעהאַנדלונג. גלייכצייטיג קאָנט איהר בעקומען אין א גרויסען אויסוואהל אלע ארט דאמען און מענער-היטען צו ביליגע פרייזען. געדענקט די אדרעס לוטאָמירסקאַ 2 (האַטעל-גאס) אָדער זגערסקאַ 20.

פעלד-בעטען
לעזשאַקעס, קינדער-שטיהלען

פון דער פירמע „OMEGA"
מיט פיל יעהריגע גאראנטיע
פאבריק לאדז, יוליוש-גאס 4
צו בעקומען אין אלע מעבעל-געשעפטען

הויז-אדמיניסטראטאר
מיט לאַנגיעהריגער פראַקטיק נעהמט אן הייזער צו פערוואלטען.
ערשטקל. רעפערענצען. ערשטקל. רעפערענצען.
טעלעפאָנישע אָנמעלדונג 42-72

LUNA

היינט און פאלגענדע טעג! היינט און פאלגענדע טעג!

ראקומענטאלער פילם, וואס איז א מעכטיגער הימן לכבוד דער העלדישקייט און אונבערעניצטער דרייסטקייט א. נ.

„די העלדען פון סאכארא"

„La Croisiere Noire" א. נ. ... „די העלדען פון סאכארא" ... 50 גר. ... 1,30 נאכמיטאג.

CORSO | צום ערשטען מאל אין לאדז!

דער לאנג נישט געזעהענער ליבלינג פון פובליקום

EDDIE POLO

אין דער סענסאציאנעלער קרימינעלער דראמע אין 10 אקטען

„דער געהיימנישפולער אוצר".

ODEON | היינט און פאלגענדע טעג!

עקסצענטרישע פאסירונגען פון א מיליארדערקע —::— אין 8 אקטען אונטער'ן נאמען —::—

1) איז הארעם פון מאהאראדזשא

אין דער הויפטראלע PRISCILLA DEAN

2) דער פאלשער פירשט

פרעכטיגע קאמעדיע אין 8 אקטען אין דער הויפטר. Georg Sydney

APOLLO | היינט און פאלגענדע טעג! | APOLLO

„Cine France Films" ענדרע פון גרויסען פילם־מייסטערווערק פון דער פראדוקציע

דאס הארץ פון א קאטארזשניק (NĘDZNICY)

מעכטיגע דראמע, געשאפען אויפ'ן גרונד פון דער ערצעהלונג פון Wiktor Hugo 3־טער און 4־טער טייל צוזאמען

— אין די הויפט־ראלען: — Gabriel Gabrio, Sandra Milowanow, Jan Tonlont, Paul Jorge i G. Saillard

SPLENDID

היינט פרעמיערע! גרויסער דאפעלטער פראגראם!

1) LYA de PUTTI אלס געוועלטיג און ליידענשאפטליך גאסטען־מיידעל אין איהר נייעסטער קרעאציע, פראכטפולען פילם א. נ.:

אין דער נעץ פון לעבען

2) דער נייעסטער פילם פון „העניג פון דער פרעכטיגער מאדע"

ROD LA ROCQUE

דראמע אונטער'ן נאמען:

„דער טענצער פאר געלד" (GIGOLO)

„Gigolo" שאפונג פון די געגענווערטיגע פאריזער דאנסינגען. •••• אנהויב 12 א זייגער נאכמיטאג.

דער ריכטיגער וועג

אויף צוריקצובעקומען געזונדע נערוועז.

קראנקע, ערשעפטע נערווען מאכען ביטער דאס לעבען. פערגוואגען א כך יסורים. ... נערוויש אין די אויערן, ... נישט קיין חשק צו דער ארבייט ווי אויך אנדערע אונאנגענעהמע ערשיינונגען.

פון די אלע ליידען

קענט איהר זיך בעפרייען, בענוצענדיג נאר די אמת'ע Kole Lecithin, דאס נאהרונגס־מיטעל, וואס ענטהאלט וויטאמין. דאס איז געהארען פאר דער מענשהייט א ק־עלע פון וואוילטאג. ... ארגאניזם־טעטיגקייט, פערשטארקט דעם ארגאניזם און נעהירן, פערשטארקט פלייש און די גלידערן, פערגרעסערט דעם כוח, גיט צו לעבענס־פרייד. די אמת'ע Kole Lecithin בעווייזט אפט וואונדער, פיהרט דורך די ריכטיגע נאהרונגס־זאפטען צו די ווייטעסטע ווינקעלעך, בלוט־לויף, דערפרישט אין פריינגערס.

מ'בעט פערזענליך זיך צו איבערצייגען

... Kole Lecithin ... **גאנץ בחנם** ...

ERNST PASTERNACK BERLIN S. O. Michael Kirchplatz Nr. 13 Abt. 343.

אויף גינסטיגע בעדינגונגען!
מעטאל־בעטען, שפאציר־וועגעלעך, מאטראצען גמבעטע, דרוטענע ווי אויך צו האליך' בעטען „Patent" ... וואש־טישען און וויזמאשקעס אמבילינסטע
אין פאבריקס־לאגער
"DOBROPOL" Łódź
Piotrkowska 73 w podworzu

א דרעקסלער

ווערט געזוכט ביי

מארגאלין

פיעטריקאווער 114.

קוואליפיצירטע נייערינס

פון אבער־העמדער קענען זיך מעלדען פיעטריקאווער 42, לינקס 3־טער אייגאנג פארטער פון 10—12 פריה.

קוואליפיצירטע

שטריקער־ארבייטער

און א שפולער ווערען געזוכט ביי לובארטאווסקי נאוואמיעסקא 4 פראנט 2 שטאק

א קוואליפיצירטע

שפולעריז

ווערט געזוכט פאמארסקא 4. ביי דארעמבוס. 178

„פריהלינג איז אלע לענדער"

— אט דאס איז דער טיטעל פון דער נייער סעריע בילדלעך „Urbin"

אין בילדעל

בחנם!

ביים איינקויף פון א שאכטעלע פאסטע

URBIN

קאנסערווירט דאס לעדער—שפארזאם אין געברויך

איבערצייגט אייך איבעראל צו בעקומען

די ביליגסטע איינקויפס־קוועלע!

דאמען־טאשען, קופערס און רייזע־וואליזקעס

צו צוגענגליכע פרייזען עמפפעהלט

44 L. HERSZFINGER 44

WSCHODNIA

עס ווערען אויך אנגענומען אלערליי בעשטעלונגען און רעפעראטורען.

GIMNAZJUM ŻEŃSKIE

Józefa Aba w Łodzi

Zielona 10, telefon 22-12.

איינטריטס־עקזאמענס (לעקציע־סיסטעם) דויערן.

ביטעס נעהמט אן דער סעקרעטאריאט פון גימנאזיום אין די לעהר־שעה'ן.

191 Dyrektor J. AB.

אנאנסען־פרייזן: פאר'ן טעקסט—15 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—20 גר. אין דער זייט 7 שפאלטע
אין טעקסט—40 ... —60 ... 4
נאכ'ן טעקסט—10 ... —15 ... 7
פאר א מילימעטער־שורה: ... אויסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

אבאנאמענטס־פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אפטראגען א היים; אויף דער פראווינץ — 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד מיט 30 פראצ. טייערער.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך די אדמיניסטראציע איז אפען ביי טאג און ביינאכט.

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółka z odpowiedz. ... O. Stiber ... odpowiedzialny ...
Czcionkami ... „Najer Folksblat", Piotrk...